

בס"ד / שנה ו' / פרשת אח"ק / נומער 309

# כרעטל

**גרויסארטיגע הכנות צו ל"ג בעומר בראש דעם ראש ישיבה שליט"א**
שטעטל נייעס

**נייע פרעמיער מיניסטער אין אונגארן**
וועלטליכע נייעס

**די היסטאריע פון דער באנק**
אלץ און אלעמען

**א העליקאפטער פאר אפיקומן**
משה ארי' שניצלער

## די חשובע תלמידי הישיבה, באזוכן וואשינגטאן עיר הבירה

א חשובע תלמיד הישיבה פארציילט אונז אלע פרטים פון 'א טאג אין וואשינגטאן' | **די סענאטארן אינעם קעפיטאל געביידע** | די האלאקאוסט מוזעאום | **די ווייסע הויז** | די פאנטשער און די געוואלדיגע נס אויפן וועג אהיים. **וברוך אתה בצאתך**

**בס"ד**

פרשת
אח"ק
תשפ"ו

**נומער**
**309**

שנה ו'


| | |
|---|---|
| **04** | קול הבהר |
| **07** | שטעטל נייעס |
| **08** | היכל הקודש נייעס |
| **14** | פנינים |
| **16** | וועלטעלע |
| **17** | אלט און אלטמען |
| **18** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **20** | פשרה'לאז |
| **22** | מעשה פון א צדיק |
| **26** | היכל הלכה |
| **30** | געדאנקען |
| **35** | געשעענישן |





















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**

צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל: 053.315.6938

# הילולא קדישא

## של התנא אלוקי רבי מאיר בעל הנס

**פסח שני תשפ"ו י"ד אייר ליל שישי פרשת אמור**

ווערט אי"ה פארקומען א

## מסיבת הכרת הטוב

פאר תומכי פרנס החודש
קרן הצלה על טהרת הקודש

פאר מער פרטים

| | |
|---|---|
| רופט | 347 |
| דער | 466 |
| גבאי | 2410 |

וזאת התורה לא תהא מוחלפת
קרן הצלה
למען מוסדותנו באה"ק על טהרת הקודש

*sruliHeskel

# קוֹל הַבָּרָה

## גראסינגער היסטארי



לכבוד די חשובע רעדאקציע פונעם בלעטל, איך האב מיך זייער מחיה געווען מיט די ליבערטי באשרייבונג, איך האב נאר געוואלט איר זאלט שרייבן נאך און נאך אינפארמאציע.

אויב איר געט מיר רשות צו שרייבן נאך א נקודה פון ליבערטי, וואלט איך צוגעלייגט אן אינטערעסאנטע פאקט. עס איז געשטאנען באשריבן איבער די גראסינגער רעזארט. די היסטאריע ווייזט אז טאקע אויף דעם שטח איז פאר דעם געווען אן אנדערע האטעל מיטן נאמען "ניקאלס האטעל", איז לאמיך אייך געבן די אינפארמאציע.

דער ניקאלס האטעל האט אפערירט צווישן די סוף 1800'ס און די אנהייב 1900'ס יארן, פונקט ווען טוריזם אין די קעטסקילס האט אנגעהויבן בליען.

דאס איז געווען איינס פון די ערשטע "זומער בארדינג" הייזער וואס זענען געווארן פאפולער ווען מענטשן פון די שטאט האבן געזוכט אן אפרוה-ארט אין די בערג - דאס איז נאך געווען פאר די גרויסע תקופה פון די אידישע רעזארטס.

אין יענע יארן זענען רוב קעטסקילס האטעלן געווען אויסגעשטעלט אלס קליינע אדער מיטלגארטיגע ביזנעסער. זיי זענען געווען אפן נאר אין די זומער מאנאטן. די קליענטן זענען בעיקר געווען גויים.

אלטע רעקלאמעס פונעם האטעל (בערך פונעם יאר למספרם 1902) ווייזן די שטארקע דיסקרימינאציע וואס האט דעמאלטס געהערשט, וואו מען האט גענוצט לשונות נישט אריינצולאזן קיין אידישע געסט (זעט אויפן בילד).

דאס איז נישט געווען קיין אויסנאם; עס איז געווען ברייט פארשפרייט איבערן גאנצן געגנט, און דאס האט דירעקט גורם געווען אז שפעטער זאלן זיך עפענען די באקאנטע אידישע רעזארטס.

דער האטעל איז פאר יענע צייטן געווען גאר גרויס, און מען זאגט אז עס האט געקענט אקאמאדירן הונדערטער געסט (בערך 500 מענטשן). עס איז געווען פארבינדן מיט די ערשטע אנטוויקלונגען פון רעזארטס אין א שטח וואס איז שפעטער געווארן דאס סאמע הארץ פון די קעטסקילס האטעלן. די ארגינעלע געביידע איז אפגעברענט געווארן בערך אין יאר 1908, א זאך וואס פלעגט פאסירן זייער אפט מיט די האלצערנע האטעלן אין יענע יארן.

דא קומט אריין די היסטארישע וויכטיגקייט פונעם ניקאלס האטעל: די פראפערטי (אדער די גאנצע עסטעיט ארום) איז שפעטער אפגעקויפט געווארן דורך די גראסינגער פאמיליע. דערנאך איז עס געווארן א טייל פונעם בארימטן "גראסינגער'ס רעזארט". די ערשטע געביידעס פון גראסינגער'ס זענען אויפגעבויט געווארן אויפ'ן זעלבן פלאץ וואס פלעגט אמאל הייסן דאס "ניקאלס הויז".

דא זעט מען א מערקווירדיגע היסטארישע פאקט: א האטעל וואס האט אמאל נישט געלאזט קיין אידישע געסט אריבער טרעטן דעם שוועל, איז שפעטער געווארן א חלק פון איינס פון די סאמע באקאנטסטע אידישע רעזארטס אין גאנץ אמעריקע.

בריוו פון לייענער
צום בלעטל
פאסט קעסטל

שיקט אריין אייער קול הברה צו 845-379-1161 - editor@bletelmagazine.com

אז מען שרייבט שוין וועגן גראסינגער, איז וויכטיג צו באמערקן אז דער בעל הבית ר' אשר זעליג גראסינגער איז געווען א חסידישער איד, און ער האט געפירט דעם ריזארט אידיש און היימיש. שפעטער איז עס ליידער געגאנגען בארג אראפ, אבער אין אנהייב איז עס געווען אן ערליכע פלאץ. זעט אויפן בילד דאס צורה פון ר' אשר זעליג מיטן צלם אלקים - א גרויסע קאפל און א בארד, וואס דאס איז געווען א חידוש אין יענע צייטן.

אשר זעליג איז געבוירן אין באליגראד, גאליציע, און זיין גאנצע אידישקייט איז געווען געבויט אויף דעם אלטן גאליציאנער שניט. אין ניו יארק פלעגט זיין משפחה דאוונענען אין די קליינע שולן פון די איסט סייד וואס זענען געווען פארבונדן מיט חסידישע הויפן. א וויכטיגער רב פאר זיי איז געווען הרב אליהו חיים הובערלאַנד, וואס האט אנגעפירט מיט די "צאנז-לובלין" קהילה אין די איסט סייד.

גייט אן מיט די הייליגע ארבעט, א גרויסן יישר כח.

*א. א. קרית ברסלב*






THE NICHOLS,
LIBERTY, SULLIVAN CO., N. Y. Elevation 2,000 Feet.
ACCOMMODATES 125. 3½ HOURS NEW YORK. SITUATED IN ONE OF THE CHOICEST LOCATIONS, AMID SHADE TREES AND IDEAL SURROUNDINGS, OVERLOOKING LAKE AND VILLAGE. FIRST CLASS, HOME-LIKE PLACE FOR REFINED PEOPLE. GOLF, CROQUET, TENNIS, BILLIARDS. BOUNTIFUL TABLE; FRESH VEGETABLES FROM FARM. NO HEBREWS ENTERTAINED. BOOKLETS EAGLE BUREAUS.
W. H. NICHOLS, Prop.

## א גריס פון בני ברק

א גרויסן שכח פאר די בלעטל, פאר די געוואלדיגע השקעה וואס איר לייגט אריין און אלע שיינע תוכן וואס ליגט אין דעם.

אבער בעיקר וויל איך זיך באדאנקן אז אינעם זכות פונעם עררליכן בלעטל קומט נישט אריין ב"ה קיין שום מאגאזינען ביי אונזער שטוב.

יעצט חול המועד פסח איז די ערשטע חוה"מ וואס מיר האבן נישט און דארפן נישט די נארישע מאגאזינען וואס מיר הערן אזויפיל פונעם ראש ישיבה ווי נישט גוט דאס איז.

אלעס איז בזכות די ערליכע שיינע פראכטפולע 'בלעטל.

כה יתן ה' וכה יוסיף ענק זאלן קענען אריין ברענגען רוח טהרה אין אידישע שטובער.

*ישראל סופר - בני ברק*

# קוֹל הַבָּרָה

## די מומע פארקאש ע"ה



איך וויל מיט די געציילטע שורות אויסדרוקן מיין הארציגע דאנק פאר אייער הייליגע ארבעט בכלל, און בפרט פאר די שיינע באשרייבונגען איבער דעם יום טוב פסח, יעדע איינציגע מעשה, ארטיקל, אפהאנדלונג וכו' איז ווערט גאלד.

דער תועלת איז נישט צום באשרייבן און עס איז ממש נישטא קיין ווערטער, און איך מיין עס בפשטות ובתמימות, נישטא קיין ווערטער ארויסצוברענגען אייער גרויסע זכות מיט די הייליגע ארבעט, זאל עס זיין פשוט אלץ עונג יום טוב, אלץ הפצה, אלץ קירוב קרובים ושיחות חברים, און אלץ א מיטל מונע צו זיין נישט צו דארפן קוקן אנדערע צווייפלהאפטיגע ארטיקלען אד"ג.

דער עיקר וואס מיר דארפן וויסן איז אז אויב טוט מען דעם רצון פונעם צדיק, מען פאלגט וואס דער ראש ישיבה הייסט קומען ארויס שיינע הערליכע זאכן וואס מען קען זיך גארנישט פארשטעלן אינעם וויסטן חלום.

וואלסטו ווען איינעם געזאגט בשעת דער ערשטער בלעטל איז ערשינען אז פסח תשפ"ו וועט זיין א ערליכע הייליגע אויסגאבע מיט אזויפיל חומר און אזויפיל ארטיקלען געאייגענט פאר יעדן עלטער און יעדן סארט מענטש וואלט מען דיר אנגעקוקט ווי א צופארענעם מענטש וואס דמיונ'ט בהקיץ אויפן ערגסטען פארנעם, (און איך וועל איבערהאקן און אויסזאגן א סוד אז אזוי ווי ביי מיר בין איך דער איינציגסטער מקורב [דערווייל] אין די משפחה בין איך מיך מחי' מיט די קינדער אפטיילונג און די אשת חיל אפטיילונג, און איך קען מזמן לזמן איבערגעבן שטיקלעך באופן האפשר) אבער איצטערט האבן מיר עס געזען מיט די אויגן איך זאג אויף דעם "אשרי עין ראתה כל אלה" וואויל זענען אונזערע אויגן וואס זעען און איבערצייגן זיך ווי מ'קומט אלץ אן ווען מ'פאלגט א צדיק.

איך וויל עכט אויסרעכענען יעדע ארטיקל און יעדע באשרייבונג און געדאנק אלעס עקסטער איז ווערט להודות להלל ולשבח, אבער עס איז ברוך השם בלי עין הרע א לאנגע מגילה.

חוץ איין ארטיקל וואס איך דארף יא עקסטער באדאנקען די ארטיקל אויף מיין חשוב'ע מומע באבי פארקאש עליה השלום, עס איז מלא מוסר השכל ותוכן און מקיים געווען א פסוק "אשה יראת ד' היא תתהלל.

א ישר כח אייך אלע און דער זכות זאל אייך ביישטיין און דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו די גרויסע מדרגה פון פאלגן א צדיק וואס דאס איז דער יסוד היסודות פון אלע מדרגות

*י.ב.פ.*

# שטעטל נייעס



## הכנות צום גרויסן טאג
# ל"ג בעומר תשפ"ו

עס קומט שוין נענטער און נענטער דער גרויסער הייליגער טאג ל"ג בעומר, די יומא דהילולא פונעם תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, וואס גאנץ כלל ישראל שפירט א שייכות צו אט דעם צדיק - א העכערער קשר וואס מען קען נישט מסביר זיין מיט ווערטער.

אויך דא ביי אונז אין שטעטל גרייט מען זיך צום טאג, און בפרט דאס יאר הערשט א געוואלדיגע שמחה צווישן אנשי שלומינו, ווען צום ערשטן מאל וועלן מיר האבן די זכיה אז דער ראש ישיבה וועט פראוועון דעם הייליגן טאג אינאיינעם מיט אונז אין שטעטל. אנדערש ווי אלע יארן וואס ער פלעגט פארן קיין מירון צום ציון הקדוש, וועט ער דאס יאר בלייבן מיט אונז, און פון דא וועט מען זיך מקשר זיין צום צדיק דורך לערנען זיין הייליג ספר, דעם זוהר הקדוש און תיקוני זוהר.

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט אז עס איז חשובער צו בלייבן דא מיט אנשי שלומינו ווי איידער צו פארן קיין מירון; אויב קען ער פועלן אז אנשי שלומינו זאלן אנהייבן לערנען זוהר הקדוש - זיך מאכן א שיעורים אין זוהר הקדוש און תיקוני זוהר, איז דאס פיל שטערקער און חשובער ווי זיין ל"ג בעומר אין מירון.

דער פלאן איז אז אי"ה ל"ג בעומר - דינסטאג נאכמיטאג פרשת בה"ב וועט מען זיך צאמקומען פארנט פונעם בית המדרש הגדול אויף האשקי ראוד, וואו מען וועט אנצינדן א גרויסע מדורה אזוי ווי מען פירט זיך בכל תפוצות ישראל. מען וועט זינגען און טאנצן לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, און פויעלן אלעס גוטס דורך שמחה של מצוה.

דערנאך וועט צוגעשטעלט ווערן א גרויסארטיגע סעודה אין בית המדרש, וואו מען וועט האבן די זכיה צו הערןביים סעודה גאר וויכטיגע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, איבער וואס מען דארף זיך פארנעמען אין אט דעם הייליגן טאג ל"ג בעומר.

די פייער און די טענץ אינדרויסן פון שול וועלן פארקומען אויפן גרויסן פארקינג לאט פארנט פון בית המדרש. די פרויען וועלן שטיין ביים אויבערשטן פארקינג לאט, וואו עס וועט זיין גאר באקוועם מיטצוהאלטן דעם גאנצן מעמד.

עס ווערן געזוכט בחורים און אינגעלייט וואס זענען גרייט ארויסצוהעלפן במשך דעם גאנצן טאג, אנגעהויבן פון פירן די טרעפיק אויף האשקי, דרייוון די באסעס אויפצופיקן דעם ציבור פון די באשטימטע פלעצער (ווי עס הייסט יעצט וועלן די באסעס אויפנעמען דעם עולם פונעם 'באזאר' וואו עס איז דא אסאך פארקינג), און אזוי אויך אהערצושטעלן די סעודה וכדומה. ביטע זיך מעלדן צום שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער מעמד זאל ברענגען די ריכטיגע השפעות פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל, און דער עיקר זאל מען קענען ארויסנעמען דערפון לעובדא ולמעשה וויאזוי זיך צו פירן אין לעבן ווי ערליכע אידן.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו**

# היכל הקודש נייעס



## א פארברענג אין וואשינגטאן עיר הבירה

פארגאנגעם מאנטאג תז"מ זענען די חשובע תלמידי הישיבה פון וויליאמסבורג און קרית ברסלב געפארן מיטן מגיד שיעור מו"ה ישראל שמעון שטיינבערג שליט"א אויף א טריפ קיין וואשינגטאן עיר הבירה. עס איז געווען א לאנגע געשמאקע נסיעה.

די נסיעה האט זיך פארצויגן נאך לענגער ווי מען האט געטראכט צוליב א פאנטשער מיט א רעדל אויפן באס וואס האט געפלאצט אויפן וועג אהיים. אין א שמועס מיט איינע פון די חשובע בחורים וואס האט מיטגעהאלטן די נסיעה הערן מיר מער פרטים איבער די נסיעה, ווער האט געקענט מיטגיין, וואו מ'איז אלץ געגאנגען, און די נס וואס זיי האבן געהאט אויפן וועג אהיים.

**תלמיד הישיבה**: די געדאנק פון די נסיעה האט זיך אנגעהויבן ווע מ'האט געזוכט פאר פורים א וועג אז אלע בחורים זאלן בלייבן אויפ'ן גרופ. ס'פלעגט זיין אז מ'האט געמאכט א גרופ, אבער אינמיטן איז איינער אוועקגעגאנגען און א צווייטער איז אוועקגעגאנגען, ביז צום סוף איז קוים איבערגעבליבן אפאר בחורים. ווען מ'איז ארויפגעגאנגען צו די מענטשן אין די הייזער, האט עס שוין נישט געהאט קיין צורה פון א גרופ; די גאנצע זאך איז פשוט צופאלן.

דעריבער האט מען געזאגט דעם יאר, אז ס'גייט זיין א טריפ פאר ווער עס וועט זיין אויפ'ן גרופ פון אנפאנג ביזן סוף, סיי אינדערפרי און סיי ביינאכט. אויך פאר דער וואס ברענגט אריין טויזנט דאלאר פאר די ישיבה, וועט אויך קענען מיטקומען מיט די טריפ. די בחורים פון שטאט זענען געווען אויפן שטאטישן גרופ און די שטעטל איז געווען אין די "שטעטל גרופ". און יעצט נאך פסח האט מען טאקע געהאלטן ווארט און מ'האט געמאכט די טריפ פאר די אלע בחורים.

מאנטאג פארטאגס האט זיך דער עולם ארויסגעלאזט, יעדער פון וואו ער איז געקומען - צי פון בארא פארק, פון שטעטל, אדער פון וויליאמסבורג. פון וויליאמסבורג האט מען זיך ארויסגעלאזט זעקס אזייגער; דאס מיינט אז אין בארא פארק האט מען זיך געדארפט אויפוועקן פירע אדער פינפע, און אין שטעטל האט מען זיך שוין אויפגעוועקט צוויי-דריי אזייגער. אלע בחורים פון שטעטל האבן זיך אריינגעקוועטשט אין איין ווען - עס איז געווען ממש ווי אין בית המקדש... מ'איז אנגעקומען זעקס אזייגער קיין וויליאמסבורג. היות עס איז געווען א מאנטאג, האט מען געליינט קריאת התורה, און דערנאך איז מען ארויפגעגאנגען אויף א קאוטש באס און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין וואשינגטאן.

מ'איז געפארן אויפן באס א שעה-צוויי, און דערנאך האט מען אנגעהויבן דאווענען שחרית. עס זענען געווען עטליכע מנינים - מנין א', מנין ב' - טייל אביסל פריער און טייל אביסל שפעטער. נאכן דאווענען איז מען געפארן נאך עטליכע שעה. דער וועג נעמט בערך פינף שעה, און אזוי ווי מ'האט זיך ארויסגעלאזט זעקס אזייגער, איז מען אנגעקומען עלף אזייגער קיין וואשינגטאן ד'. סי.







**די בחורים פון ישיבת היכל הקודש אויף א באזוך ביים האלאקאוסט מוזיאם און די קעפיטעל געביידע אין וואשינגטאן די-סי - ב׳ טהרה**

קרעדיט: נחמן שמחה יאקאבאוויטש

# היכל הקודש נייעס

צוערשט איז מען געגאנגען באזוכן דעם קעפיטאל געביידע, דארט וואו עס געפינט זיך די קאנגרעס און סענאט. מען איז אריינגעגאנגען. אנפאנג איז געווען אזא פרעזענטאציע איבער דעם קעפיטאל און איבער אמעריקע בכלל. דערנאך האט מען געהאט א טור-גייד וואס האט ארומגעפירט און געוויזן די אלע צימערן, די באל-רומס, און די האלוועיס אינעם קעפיטאל.

דער מגיד שיעור האט איבערגעגעבן די זאכן אויף אידיש. יעדער האט באקומען העדפאונס וואס מען האט אנגעטאן, כדי מען זאל נישט דארפן שרייען; דער טור-גייד האט גערעדט אין א מייק און יעדער האט געהערט דורך די העדפאונס.

דער מגיד שיעור האט נישט ממש איבערגעטייטשט; ער האט געזאגט וואס ער האט געוואלט זאגן, מיר זענען אריינגעקומען אין א צימער וואס איז געווען אנגעפילט מיט סטאטוען, איך ווייס נישט פונקטליך פון וועמען, אפשר פון גענעראלן וכדומה. דער מגיד שיעור האט דעמאלט דערציילט אז דאס איז געווען דער זעלבער סארט וואס אברהם אבינו האט געהאט ביי זיין טאטע תרח; ער האט דארטן גענומען א האמער און אנגעהויבן אלעס צוקלאפן, און אזוי ווייטער...

נאכדעם וואס מיר האבן דארט געענדיגט דעם טור, האט דער חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו אראנדשירט פון פארדעם דורך א קאנגרעסמאן אז מיר זאלן קענען אריינגיין אין דעם זאל וואו אלע געזעצן פונעם קאנגרעס ווערן דורכגעפירט. כדי דאס צו קענען טון, האט מען געדארפט האבן א ספעציעלע "פעס" (pass) אונטערגעשריבן דורך א קאנגרעסמאן. מנחם שטיינבערג האט דאס מסדר געווען, און מיר האבן געהאט א פלאץ דארט צו זיצן און צוקוקן וויאזוי די קאנגרעס גייט צו. נאכדעם זענען מיר ארויסגעגאנגען און גענומען א בילד פון די גאנצע ישיבה אויף די הויכע טרעפ וואס געפינען זיך דארטן.

דערנאך זענען מיר צוריק ארויף אויפ'ן באס און ווייטער געפארן. מיר האבן געמאכט א קליינע פויזע אויף א שטילע גאס דארטן, וואו דער עולם האט געגעסן פרישטאג. נאך דעם קורצן ברעיק זענען מיר געגאנגען צום האלאקאוסט מוזעאום. דאס איז א געביידע פון פיר שטאק, מיר זענען דארט געווען בערך א שעה מיט א האלב ביז צוויי שעה, אדורכגייענדיג אלע פיר שטאקן.

צום ערשט הייבט זיך עס אן ווען היטלער ימ"ש האט באקומען די מאכט אין דייטשלאנד, און דערנאך גייט עס ווייטער צו די צווייטע וועלט מלחמה, מ'גייט דורך די קריסטאל נאכט און אזוי ווייטער ווען די מלחמה האבן זיך אנגעפאנגען. מען הייבט אן פונעם פערטן שטאק, און יעדע שטאק וואס מען גייט אראפ פירט עס צו אן אנדערע תקופה פון די צווייטע וועלט מלחמה, ביז מען קומט אן צום סוף צום ערשטן שטאק, וואו די אמעריקאנער האבן באפרייט די אידן פון די געטאס.

איך האב פאר דעם באזוך אויך געוויסט פון די וועלט מלחמה, אבער דא האב איך עס געזען לייוו. אז מען זעט עס בחוש, האט עס א שטערקערע עפעקט וואס גייט אריין אין דיביינער; מען זעט וואס מען האט געטון צו אונזערע עלטערן, און אז מיר זענען נאכנישט אין ארץ ישראל מיט די בית המקדש, מיר זענען נאך אין גלות אינטער די גוים וואס האבן אונז פיינט. איך האב אנגעהויבן שפירן גליקליך אז מיר זענען אידן, און מיר האבן נישט די פארדארבענע מידות וואס די נישט אידן האבן אין זיך.

פון דארטן איז מען געגאנגען צום ווייסן הויז. עס איז יעצט דא קאנסטראקשן ביים ווייסן הויז, במילא קען מען נישט באזוכן דארט און אריינגיין אינעווייניג, אבער מען איז געווען אינדרויסן און מען האט געמאכט בילדער דערנעבן.

פון אינדרויסן קוקט אויס ווי אלעס ווערט געפירט פון וואשינגטאן די.סי., אבער באמת ווערט אלעס געפירט דורך אונז אידישע קינדער וואס רעדן צום אייבערשטן.

דערנאך האט זיך דער עולם צוריקגעזעצט אויפ'ן באס.

אויפ'ן וועג צוריק האט מען געלערנט אויפ'ן באס, יעדער האט געהאט מיט זיך משניות אדער אנדערע ספרים. עס איז געווען א מחזה הוד צו זען אלע בחורים זיצן און לערנען, יעדער מיט זיין משניות אדער זיין חומש. מ'האט דעמאלטס געקענט זען וואס די ישיבה לייגט אריין אין די בחורים.

אינמיטן זיך פארן אזוי געמיטלעך, מען פארברענגט צוזאמען,











**די בחורים פון ישיבת היכל הקודש אויף א באזוך ביים האלאקאוסט מוזיאם און די קעפיטעל געביידע אין וואשינגטאן די-סי - ב׳ טהרה**

קרעדיט: נחמן שמחה יאקאבאוויטש

# היכל הקודש נייעס

מען לערנט די שיעורים כסדרן, האבן עטליכע בחורים אנגעהויבן זאגן אז זיי מיינען איינס פון די רעדער מאכט עפעס קונצן. אנפאנג האט קיינער נישט רעאגירט, אבער די בחורים האבן ווייטער געטענה'ט אז איין רעדל מאכט מאדנע גערודער. מיר האבן זיך אפגעשטעלט ביי א געז סטעישאן צו טשעקן וואס דארט טוט זיך. איין בחור איז אראפגעגאנגען קוקן, און ער איז צוריקגעקומען זאגן אז דאס גאנצע רעדל ברענט! יעדער איז שנעל אראפגעגאנגען פונעם באס נאך פאר די גאנצע באס פלאקערט אויף.

למעשה האט מען געזאגט אז מ'וועט ברענגען א AAA טראק עס צו פיקסן, און מ'האט געהאפט אז מ'וועט עס שוין פאררעכטן און אהיימגיין. למעשה האט עס גענומען בערך א שעה-צוויי ביז די טראק איז אנגעקומען; זיי האבן פרובירט צו פיקסן אהין און אהער, אבער זיי האבן נישט מצליח געווען. מ'האט געזוכט פארשידענע עצות, אלע מיני וועגן, אבער זיי האבן עס נישט געקענט פאררעכטן. נאכדעם האבן זיי אויספרובירט אן אנדערן וועג, און דעמאלטס איז זיי למעשה יא געלונגען צו פיקסן דאס רעדל, אבער בטעות האבן זיי דאן צובראכן די ברעיקס.

אזוי איז מען ווייטער געבליבן שטעקן. די גאנצע פרשה האט גענומען בערך פיר שעה. נאכדעם האט מען געזאגט אז מ'גייט ברענגען א קאוטש באס, וואס דאס האט גענומען זייער לאנג ווייל ס'איז געווען זייער ווייט אוועק פון וואו די באס דארף קומען צו



פארן.

די גאנצע צייט האט מען אויסגענוצט די צייט מיט לערנען, און פארברענגען געשמאק צוזאמען, מ'האט געמאכט א קומזיץ, מ'איז געגאנגען שפאצירן.

דאס איז מיר טאקע געווען א חידוש. געווענליך ווען א מענטש שלאפט נישט פאר פיר-און-צוואנציג שעה ווערט מען מיד און מ'ווערט נערוועז אויף אנדערע, אבער ב"ה דא האט מען זיך גארנישט געקריגט, יעדער איינער האט מיטגעארבעט מיט די מצב. מ'דארףווארטן נאך א שעה? מ'ווארט נאך א שעה. נאך צוויי שעה? צוויי שעה. ס'איז נישט געווען קיין אויפגערעגטקייט, מ'האט גענומען די זאך גרינג. זעט אויס אז ווען מ'רעדט צום אייבערשטן און מ'הערט אזויפיל דרשות, קען מען נעמען זאכן גרינגער.

נאך עטליכע שעה איז די נייע באס אנגעקומען און מ'האט זיך צוריק ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג ברוך השם. מ'איז אנגעקומען צוריק קיין וויליאמסבורג בערך זעקס אזייגער אינדערפרי, אנשטאט דעם וואס מ'האט באצאלט געלט כדי צו זיין אויף א טריפ פון זעקס צופרי ביז צוועלף אזייגער ביינאכט, האט מען למעשה באקומען א "באנוס", אז אנשטאט ענדיגן צוועלף אזייגער ביינאכט, איז עס געווען פון זעקס צופרי ביז זעקס צופרי דעם נעקסטן טאג - ממש אן עקסטערע מתנה.

דאס האט מיר דערמאנט פון די אומאן נסיעה ווען מ'זיצט ביים גרעניץ פאר פינף שעה און מ'קוקט ארויס אז מ'זאל זיך שוין ענדליך רירן.

מ'דארף ארויסברענגען א יישר כח פארן מגיד שיעור וואס האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ונפש. ס'איז געווען א לעצטע מינוט זאך, די גאנצע נסיעה איז הערשט באשטעטיגט געווארן א טאג בעפאר מ'איז געפארן, און מ'האט אלעס געדארפט אראנדזשירן אזוי פון איין מינוט צום צווייטן.

**המלוכה והממשלה לחי עולמים**

בעזהשי"ת

על הטוב יזכר

פון טיפן
הארצן ווילן
מיר זיך
באדאנקען
פאר

מו"ה

# אהרן שלמה שווארץ

הי"ו

פאר'ן שטיין
צו הילף פאר
די מוסדות צו
יעדע צייט,
און ספעציעל
מיט'ן
ארויסהעלפן
מיט שפילצייג
און מתנות
פאר די טייערע
וואוילע
קינדער

שלי ושלכם שלו הוא, די גרויסע
זכותים פון אזויפיל אידישע קינדער
וואס האבן די חשק און מוט צו לערנען
תורה און זיך אויפפירן ערליך, די
זכותים פון די מלמדים וואס נוצן די
שפילצייג צו קענען אריינלייגן אין
די קינדער אזוי סאך תורה און תפלה,
יראת שמים און מדות טובות, אמונה
און אמונת צדיקים, די אלע זכותים

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים
זאלן דיר ביישטיין, צו זען אסאך אידיש נחת ביי דיינע קינדער,
האבן גרויס שפע און ישוב הדעת, פאר לאנגע געזונטע יארן,
מיט כל מילי דמיטב און אלע ברכות וישועות

וואונטשט:

## מרדכי אינדיג

מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי

בשם אלע קינדער,
אלע מלמדים, און די
גאנצע שטאב העוסקים
במלאכת הקודש



dominogrp.com

# פנינים

## ברעקעלעך פון פסח חלק ב'

די וואך וועלן מיר בעז"ה ממשיך זיין מיט די גרויסע אותיות פון די אל"ף בי"ת פון נביאים וכתובים, וואס זענען די פאלגנדע אותיות:

אדם שת אנוש (דברי הימים א א, א), ברח דודי (שיר השירים ח, יד), גן נעול (שם ד, יב), דברי קהלת (קהלת א, א), הלעולמים יזנח ה' (תהלים עז, ח), ויזתא (אסתר ט, ט), זכרו תורת משה עבדי (מלאכי ג, כב), חור כרפס ותכלת (אסתר א, ו), טוב שם משמן טוב (קהלת ז, א): מנע בר יקבהו לאום (משלי יא, כו): וכנה אשר נטעה ימינך (תהלים פ, טז), למרבה המשרה (ישעיה ט, ו): משלי קדמאה (משלי א, א), נחמו נחמו עמי (ישעיה מ, א), סוף דבר הכל נשמע (קהלת יב, יג), על כן אודך בגוים ה', דתילים (תהילים יח, נ): בשפרפרא, בדניאל (דניאל ו, כ): צפו עורים (ישעיה נו, י), ודרור קן לה (תהילים פד, ד): ה' קנני ראשית דרכו (משלי ח, כב), שיר השירים (שיר השירים א, א), ותכתוב אסתר (אסתר ט, כט).

פאלגנד זענען די קליינע אותיות פון תורה, נביאים וכתובים:

ויקרא (ויקרא א, א), הב הב (משלי ל, טו). וגוש עפר (איוב ז, ה), אדם עשק בדם (משלי כח, יז), בהבראם (בראשית ב, ד). בנפשו (מלכים א ב, כג) ומצ' במדוייק ונפשו לא חיה (תהילים כב, ל), ויזתא (אסתר ט, ט), חף אנכי (איוב לג, ט). טבעו בארץ (איכה ב, ט). ילדך תשי (דברים לב, יח), לספד לשרה ולבכתה (בראשית כג, ב), לא אליכם (איכה א, יב) ממרים הייתם (דברים ט, כד), וטהרתם (יחזקאל לו, כה), נעו עורים (איכה ד, יד), דברי נרגן (משלי יח, ח), וחלוף ג' נונין זעירין: נטע ארן (ישעיה מד, יד), ונרגן מפריד אלוף (משלי טז, כח), בסופה וסערה דרכו (נחום א, ג), לעות אדם (איכה ג, לו), בשפרפרא (דניאל ו, כ), וצוחת ירושלם (ירמיה יד, ב), ומצ' במדוייק ובחוצות ירושלם (שם לג, י), יפרצני פרץ (איוב טז, יד), קצתי בחיי (בראשית כז, מו), כמנור ארגים (שמואל ב כא, יט) במדוייק, ויש שמצאתי דיערי אורגים (שם), פרמשתא (אסתר ט, ט), פרשנדתא (שם, ז).

ביז דא איז פון מחזור ויטרי, די גרויסע און קליינע אותיות פון די צוויי און צוואנציג הייליגע אותיות התורה, עס איז אבער דא נאך אסאך שיטות אין דעם, פאר מער קען מען זען אין ספר רזא דחיים וואו עס איז אויסגעשמועסט אויף א ברייטן פארנעם אלע שיטות און מהלכים אין דעם.

*

ווייטער אין זוהר האט דער ראש ישיבה געלערנט א שטיקל ווי דער זוהר הקודש רעדט ווי אזוי דער אייבערשטער האט געגעבן פאר פנחס די ברית שלום, אז וויבאלד דער ברית איז געווען משה רבינו'ס האט דער אייבערשטער געפרעגט משה רבינו אויב ער קען עס נעמען פון אים און געבן פאר פנחס, האט משה רבינו געזאגט פארן אייבערשטן: "אלעס איז דאך דיינס, און אז דו ווילסט איך זאל אים עס איבערגעבן געב איך אים דאס איבער מיטן גאנצן הארץ", האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "זאג ארויס מיט דיין מויל אז דו געבסט דאס אים איבער מיט דיין גאנצע הארץ", און אזוי האט משה רבינו געטון.

און דער זוהר הקודש פירט אויס: "זאלסט נישט מיינען אז עס האט זיך אפגעקערט פון משה, נאר עס איז צוגעגליכן ווי א לעכט וואס מען צינדט אן פון א צווייטע לעכט, די פרישע לעכט צינדט זיך אן פון די ערשטע לעכט, אבער פון די ערשטע לעכט פעלט גארנישט". דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט, אז אמאל ווען מ'דארף עפעס איבערגעבן מיינט נישט אז מ'פארלירט די זכותים דערפון, נאר מען בלייבט מיט די זכותים און עס איז אזוי ווי מ'צינדט אן א לעכט, וואס עס פעלט גארנישט פון די לעכט וואס צינדט אן די צווייטע לעכט.

**יואל שניצלער**

דערנאך האט מען געלערנט אין זוהר אז מ'דארף דינען דעם אייבערשטן מיט די גאנצע כח, און אויב נישט איז נישט גוט.

*

נאכדעם האט מען געלערנט א שטיקל ווי דער זוהר הקדוש זאגט אז אלע מענטש דארפן גיין אין גיהנום, אפילו די גאר גרויסע צדיקים, פארוואס דארפן די צדיקים גיין אין גיהנום? ווייל זיי שלעפן ארויס מענטשן פון דארט.

דא האט דער ראש ישיבה דערמאנט וואס דער הייליגער רבי זאגט אין חיי מוהר"ן (סימן תרב), אויף די גמרא (ברכות כח:) אז פאר רבי יוחנן בן זכאי איז נסתלק געווארן האט ער געוויינט, ער האט געזאגט פאר די תלמידים אז ער האט פאר זיך צווי וועגן, איינס צו גן עדן און איינס צו גיהנום און ער ווייסט נישט אויף וועלכע וועג מ'וועט אים פירן.

האט דער רבי געפרעגט, ווי קען זיין אז דער גרויסער רבי יוחנן בן זכאי זאל זיין מסופק אויף וועלכע וועג מ'וועט אים פירן, אז אפשר וועט מען אים פירן אין גיהנום?! נאר דער גרויסער צדיק פירט מען נאכן נפטר ווערן דורך דעם גיהנום כדי ער זאל ארויסנעמען די נשמות פון דארט, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט דא, ווייל די גרויסע צדיקים זענען עוסק אויך נאך זייער הסתלקות ארויסצושלעפן די געפאלענע נשמות פון די פלעצער וואו זיי זענען ארייגעפאלן, ממילא דאס האט רבי יוחנן בן זכאי מורא געהאט, אז מ'וועט אים אפשר דורכפירן דעם גיהנום ארויסצושלעפן נשמות, וואס דאס איז א שווערע עסק - אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט, און אזוי ווי עס שטייט די לשון דארט אין חיי מוהר"ן: "אף על פי כן הי' מתירא מאוד ובוכה על זה, כי אף על פי שהי' צדיק גדול, אף על פי כן היא עבודה גדולה להצדיק, ויגיעה גדולה, ופחד גדול, כשצריך לילך לגיהנום בשביל להעלות נשמות, וכמובן קצת בספרים".

אגב, מוהרא"ש זי"ע שרייבט אין אשר בנחל, מכתב לג, תו, אז דער הייליגער ב"ח זכותו יגן עלינו איז געווען גאר א גרויסער צדיק, אזוי ווייט אז דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז דרייסיג טעג פאר דער ב"ח איז נסתלק געווארן האט מען אפגעקילט דעם גיהנום, ווייל מ'האט געוואלט אז ער זאל קומען אין גיהנום ארויסשלעפן אלע נשמות וואס געפינען זיך דארט.

אזוי אויך האב איך געזען א וואונדערליכע מעשה אינעם ספר פון אן עלטער פעטער אונזערע, הגה"צ רבי שמואל זאב [ב"ר אברהם צבי] הלוי ראטה זצ"ל, וועלכער איז געווען אוהעל'ער דיין, דערנאך האט ער געדינט אלס דיין אין אנטווערפן, און דערנאך אין ארץ ישראל ביז ער איז נפטר געווארן ו' מרחשון שנת תשמ"ט.

ברענגט ער אין זיין ספר דברי שמואל אויף מסכת ברכות, אויף דעם אויבנדערמאנטן גמרא פון רבי יוחנן בן זכאי, אז ער האט געהערט פון זיין טאטן וואס האט דאס געהערט פון הרה"צ מווערעצקי זי"ע, בעל מלבוש לשבת ויום טוב, אן אייניקל פון הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידטשוב זי"ע, אז ווען דער הייליגער רבי אייזיקל מזידטשוב זי"ע איז געליגן אין זיין קראנקן בעט און קיינער איז נישט אריין צו אים מחמת גרויס פחד, האט מען אפגעמאכט אז מ'גייט ארייננשיקן צו אים דער אייניקל, הרה"צ מווערעצקי, ער זאל זען וואס דער זיידע מאכט, ווייל ער איז געווען זייער באליבט ביים זיידן.

אזוי האט ער געטון, ער איז אריין שטילערהייט שטייטעלעך אינעם צימער וואו דער זיידע איז געליגן, און ער האט געזען ווי דער הייליגער רבי אייזיקל זידטשובער איז אויסגעדרייט צום וואנט, האט ער זיך אביסל אונטערגעהויבן אויף די שפיץ פינגער פון די פיס ער זאל קענען זען וואס ער טוט, האט ער געזען ווי ער וויינט זייער שטארק, ווען דער זיידע האט אים באמערקט האט ער זיך אנגערופן: "עס שטייט אין די ספרים הקדושים, אז ווען א צדיק ווערט נפטר דארף ער גיין אין גיהנום ארויסצושלעפן פון דארט נשמות, האב איך זיך מיישב געווען פארוואס דארף דאס זיין נאך אונזער פטירה, לאמיר שוין יעצט מסדר זיין דעם עסק אז איך זאל נישט דארפן גיין אין גיהנום..."

עכ"פ זעט מען פון דעם ווי דער ראש ישיבה האט געברענגט פון רבי'ן אז דאס איז בכלל נישט קיין גרינגע עסק, און ווי די צדיקים האבן מורא געהאט און געוויינט צו ווערן אפגעהיטן פון דעם, אבער פון די אנדערע זייט דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז דער הייליגער רבי האט אונז צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר, געבן א פרוטה לצדקה און זאגן די תיקון הכללי וועט ער אונז ארויסשלעפן פון שאול תחתית.

**צדיקים במיתתם קרויים חיים.**

# וועלטלעך

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם



## פרעמיער מיניסטער מאדזשיאר נעמט איבער די לייצעס אין אונגארן

אין אונגארן קומט יעצט פאר א גרויסע פאליטישע איבערקערעניש. דער לאנגיעריגער פירער, פרעמיער מיניסטער וויקטאר אורבאן, האט איבערגעגעבן די לייצעס פון די רעגירונג פאר א נייעם פרעמיער מיניסטער, פיטער מאדזשיאר, נאכן דינען אין דעם פאזיציע פאר זעכצן יאר.

אורבאן האט געהאט א גאנץ אנדערע בליק אויף די וועלט ווי רוב פון זיינע אייראפעאישע קאלעגעס; ער איז געווען באפריינדעט מיט פוטין און טראמפ צוזאמען, און האט זיך אפט אקעגן געשטעלט די שטיצע וואס אייראפע האט געוואלט געבן פאר אוקראינע. נאך זיין געווינס האבן אסאך זיך געזארגט צי רוסלאנד און אמעריקע וועלן דאס קענען גרינג אראפשלינגען.

אבער למעשה האט מען געזען אז די שרעק איז געווען אומזיסט. די וועלט פירער האבן זיך שנעל צוגעוואוינט צום נייעם מצב. סיי פון אמעריקע און אפילו פונעם קרעמלין אין מאסקווע זענען געקומען ווארעמע גריסן צום נייעם פרעמיער מיניסטער. פרעזידענט טראמפ האט אויסגעדריקט צוטרוי אין מאדזשיאר, און אלע זענען געלאפן זיך חנפ'נען צו אים, מיינענדיג אז דערמיט פארזיכערן זיי אז די באציאונגען צווישן זיי און אונגארן וועלן בלייבן אויף גוטע טערמינען.

דאס דערמאנט אונז די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן, שטייענדיג ביים פענסטער אין זלאטיפאלי און קוקנדיג אויפן מארק, וואו ער האט געזען די סוחרים, די פערד און די וועגענער, האט ער זיך אויסגעדרוקט: "אין פופציג יאר ארום וועט דא ווייטער זיין א מארק, עס וועלן ווייטער זיין וועגענער און פערד – נאר עס וועלן זיין אנדערע פערד..."

מיר זעען פאר אונזערע אויגן דעם "דור הולך ודור בא". אזוי גערופענע פירער קומען און פירער גייען, רעגירונגען טוישן זיך, אבער די וועלט גייט אן מיט איר רוטין כאילו גארנישט איז געשען. "אין כל חדש תחת השמש" - פאליטיק בלייבט פאליטיק, אינטערעסן בלייבן אינטערעסן, נאר די פנימ'ער טוישן זיך.

צי מיר וועלן נאך דא זיין אין פופציג יאר ארום אדער נישט, קען קיינער נישט וויסן; אבער דאס איז זיכער, אז מיר זענען נישט דא פאר אייביג. חנפ'ענען מענטשן וועט אונז גארנישט ברענגען, ווייל אפילו ווען א מענטש זאל שוין יא וועלן העלפן, קען ער אונז נישט העלפן; ער קען אפילו זיך אליינס נישט העלפן. וואס בלייבט יא? תורה און תפלה. דער הייליגער רבי נתן האט זיך אמאל צופייערט: "די וועלט איז נישטא און מען קען איר נישט האבן, יענע וועלט איז יא דא און מען קען איר דערגרייכן."

דער אמת'ער קנין וואס א מענטש נעמט מיט מיט זיך, זענען נישט קיין פאליטישע קשרים (שקרים...), נאר די שעה'ן וואס מיר כאפן אריין מיט א פרק משניות, א קאפיטל תהילים, אדער אן אמת'ער קרעכץ און א ווארט צום אייבערשטן.

אינמיטן דעם יאגעניש פון די גשמיות'דיגע וועלט, לאמיר נישט פארגעסן אז אונזער ציל איז קונה צו זיין נצחיות אין א וועלט וואס איז בלויז א דורכגאנג.

*ומלכותו בכל משלה*

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com – 845-445-7447



## דער באנק

**שאלה**

פארוואס רופט מען די ביזנעס פון האלטן און בארגן געלט א "באנק"?
ישר כח,

ד. שטיין

**ענטפער**

דער ענטפער אויף דיין שאלה איז אן אינטערעסאנטע געשיכטע. מיט יארן צוריק, איידער מענטשן האבן געהאט די היינטיגע פינאנציעלע סיסטעמען, פלעגן סוחרים זוכן א זיכער פלאץ וואו צו האלטן זייער גאלד און זילבער. זיי האבן זיך נישט געשפירט זיכער צו האלטן די ווערדפולע מעטאלן ביי זיך אין שטוב, וויבאלד אסאך פון זיי האבן נישט געהאט קיין סעיפס וואו עס צו האלטן.

דערפאר האבן טייל סוחרים אנגעהויבן צו האלטן זייער געלט ביי די שמידן. א שמיד האט געארבעט מיט אייזן און מעטאלן און געהאט שטארקע פייער-פרוף סעיפס. דער שמיד פלעגט זיי געבן א שטר - א סארט באשטעטיגונג - אז פלוני האט ביי אים אזויפיל און אזויפיל גאלד.

אין אנהייב פלעגט מען נוצן די שטרות פשוט אלס א רעסיט צו קענען שפעטער צוריקנעמען דאס געלט, אבער מיט דער צייט האבן מענטשן געזען אז עס איז אסאך גרינגער צו האנדלען מיט'ן שטר אליין, אנשטאט צו דארפן פיזיש טראגן און ברענגען דאס גאלד פון איין פלאץ צום צווייטן. אזוי איז געבוירן געווארן די ערשטע ווערסיע פון די היינטיגע פאפירענע געלט, וואס איז דאן נאך געווען געדעקט מיט גאלד וואס איז געלעגן אין סעיף.

די שמידן האבן באמערקט אז עס זאמלען זיך אן ביי זיי גרויסע סכומים פון גאלד, וויבאלד אסאך מענטשן האבן געלאזט זייערע גאלד ליגן ביים שמיד. האבן זיי אנגעהויבן א פרישע ביזנעס: זיי האבן אנגעהויבן ארויסצוגעבן הלוואות פון די פקדונות וואס זיי האבן געהאט ביי זיך, און פארשטייט זיך געבעטן אינטרעסט (ריבית) אויף די הלוואות.

יעצט, וואו קומט אריין דאסווארט "באנק"? ווייל מיט די צייט האבן די געלט-הענדלער אנגעהויבן צושטעלן פארשטייער אין מארק און זענען געזיצן אויף א באנק. דארט האבן זיי געטון זייערע געשעפטן: געגעבן און גענומען געלט, אויסגעטוישט מטבעות, און געפירט זייערע חשבונות.

מיט דער צייט האבן מענטשן אנגעהויבן זאגן "איך גיי צום באנק". אויב א געלט-סוחר איז געגאנגען קראכן - ווען צופיל מענטשן האבן געוואלט צוריקנעמען זייערע פקדונות בשעת דאס געלט איז געווען ארויסגעבארגט - פלעגט מען צעברעכן זיין באנק אינעם מארק... פון דעם איז געבוירן געווארן דאס ווארט "באנקראט" ווען א ביזנעס גייט אונטער.

ביי אונז גייט שוין אן די "באנק" ביזנעס פיל לענגער. אנשטאט צו האבן די שווערע דאגות פון "מרבה נכסים מרבה דאגה" - וואס צו טון מיט דעם פילן גאלד - האבן אידן שוין לאנג געהאט אן אייגענע און הייליגע באנק: א באנק אין בית המדרש.

מיר זענען גליקליך אז מיר קענען זיצן אויף דעם הייליגן "באנק". ביי דעם באנק זענען די אוצרות אן א שיעור.

***טוב לו תורת פיך מאלפי זהב וכסף.***

# פארגין פאר נאך א איד



**בעזהשי"ת – ערב שבת פרשת קדושים, ה' אייר, שנת תשע"ו לפ"ק**

לכבוד ... נרו יאיר

דער הייליגער רבי האט געהאט א תלמיד ר' יודל פון דאשוב ז"ל וואס ער אליינס איז געווען א רבי און ער האט געהאט תלמידים; פאר ער איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן איז ער געווען א תלמיד פון דעם הייליגן צדיק הרה"ק רבי פנחס קאריצער זי"ע.

ר' יודל האט זיך געפירט אז ער פלעגט אלעס פארציילן פארן רבי'ן; איינמאל האט ער פארציילט פארן רבי'ן אז ער האט געהאט א ברית פרייטאג, און מען האט אים געבעטן צו רעדן, אבער ער האט געמוזט מקצר זיין ווייל ער האט זיך געדארפט צוגרייטן צום שבת, האט אים דער רבי געזאגט: "א שאד אז דו האסט נישט גערעדט לענגער, אפשר וואלסטו געקענט פועל'ן ביי נאך א מענטש אז ער זאל בענטשן מיט כוונה, און נאך א מענטש זאל לערנען וכו' וכו'. און דאס וואס דו זאגסט אז עס איז געווען ערב שבת, און דו האסט זיך געדארפט צוגרייטן צום שבת, וואלסטו געקענט טון וואס עס שטייט אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן רע"א, סעיף ד): 'פורס מפה ומקדש'".

זעט מען פון די מעשה אז דער רבי האט זייער שטארק געוואלט אז מיר זאלן עוסק זיין אין "הפצה" – רעדן מיט מענטשן וכדומה, כדי אריינצוברענגען אין די וועלט די עצות ווי אזוי מען קען האבן א שיינע לעבן, דורכדעם וואס מען געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט געהאט א תלמיד ר' נפתלי ז"ל, וואס ער איז געווען איינער פון די צוויי עדות אויף "תיקון הכללי", וואס דער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און זאגן די צען קאפיטלעך תהילים, און געבן א פרוטה פאר צדקה פאר זיינעט וועגן, וועט ער זיך לייגן אין די לענג און אין די ברייט אים א טובה צו טון, און ביי די פאות וועט ער אים ארויס שלעפן פון שאול תחתית.

**עצתו אמונה קדושים תשע"ו**

אמאל איז ר' ליפא געקומען צום רבי'ן זיך באקלאגן אז ער האט נישט קיין פרנסה, האט אים דער רבי געגעבן א ברכה אז ווען ער וועט ארײנלייגן זיין האנט אין טאש וועט ער טרעפן געלט, און אזוי איז טאקע געווען - ווען ער האט געדארפט געלט האט ער ארײן געלייגט די הענט אין טאש און געטראפן געלט.

מוהרא"ש שרייבט אן א שיעור מאל אין "אשר בנחל": "איך געב א ברכה, אז ווער עס וועט עוסק זיין אין "הפצה" וועט שטענדיג האבן געלט אין טאש. און די אלע וואס זענען עוסק אין "הפצה" זאגן אז זיי האבן אייביג שפע.

דערפאר וויל איך דיך מחזק זיין אז דו זאלסט אויך האבן א חלק אין הפצה, וועסטו האבן שפע און עס וועט דיר נישט פעלן קיין פרנסה. אויך זאלסטו וויסן אזביים אייבערשטן איז זייער חשוב ווען איינער איז עוסק אין הפצה און ער ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן. יעדער מענטש האט א נקודה ווי אזוי ער קען צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן, איינער קען רעדן צו מענטשן; איינער קען שרייבן; איינער קען דרוקן; איינער קען טיילן ספרים. **יעדער מענטש דארף טראכטן 'וואס קען איך טון פאר "הפצה"'**.

ב"ה אז מיר דרוקן ספרים און קונטרסים דא אין ישיבה, און מען פארשפרייט עס צווישן בחורים און מיידליך, אינגעלייט און פרויען, און ווער עס באקומט עס ווערט נתעורר און ער טוט תשובה.

עס איז דא אינגעלייט וואס שעמען זיך צו טיילן ספרים אדער סידי'ס, דארף מען אבער וויסן וואס דער רבי' זאגט (שיחות הר"ן, סימן קיט) אז עס איז א גרויסע מדריגה אז א מענטש זאל טראכטן 'כאטשיג איך קען נישט זיין קיין ערליכע איד זאל איך כאטש פארגינען פאר א צווייטן צו זיין אן ערליכער איד'; דאס הייסט אז מען זאל כאטשיג דא אין אונזערע ד' אמות ארויף קוקן איינער וואס איז עוסק אין "הפצה" און נישט מזלזל זיין אין אים.

מוהרא"ש האט מיר כמה פעמים געזאגט בזה הלשון: "אויב איז דא א צדיק אין אונזער דור, איז עס ר' נתן ... ני"ו", איך האב פארשטאנען פון דעם אז מוהרא"ש וויל אז איך זאל דאס איבערגעבן פאר די בחורים און אינגעלייט - מען זאל וויסן אז "הפצה" איז די גרעסטע זאך; דערפאר טייערע ברודער, שטארק דיך און טראכט וואס דו קענסט טון צו האבן א חלק אין די גאולה. ווען משיח וועט קומען וועט ער זאגן פאר יעדן איינעם וואס האט געהאלפן צוריקברענגען מענטשן צום אייבערשטן: "דו האסט א חלק אין מיין קומען", און ווי גרויס וועט זיין די בושה פון די אלע וואס זענען נאר געווען פארנומען מיט געלט און כבוד.

א בחור דא פון ישיבה האט באשטעלט פון טשיינע פופציג טויזנט סידי'ס: ער האט געבארגט געלט מיט א גאנצע פלאן ווי אזוי ער וועט מאכן א קרן פאר די סידי'ס אז עס זאל זיין גענוג און נאך צו טיילן, עס איז קוים אריבער א האלבע יאר און מען האט אויסגעטיילט די פופציג טויזנט סידי'ס פאר בחורים און מיידלעך וכו', שטעל דיך פאר וואסערע זכות דער בחור האט. ער האט אלעס באצאלט און איז נאך געבליבן מיט א קרן אז מען זאל קענען קויפן נאך און נאך; דאס איז נאך א וועג אין הדפסה.

א ברסלב'ער חסיד האלט שטענדיג מיט זיך אפאר ספרים אדער סידי'ס, אדער אין קאר; אמאל כאפט איינער א היטש מיט דיר און דו געסט אים א ספר אדער א סידי, וואס אזוי האסטו מזכה געווען א איד. מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון העלפן א צווייטן איד.

זע צו זיין פרייליך שבת, און דו זאלסט זינגען אביסל זמירות ביים טיש, און גרייט דיך אן אפאר שיינע מעשיות וואס צו דערציילן.

**א פרייליכן שבת.**



# פּשָׂרָה'לָאג

א י ן

**קורצן פון פריער:** ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.

זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. און יעדן ערליכן איד.

איין טאג איז דער ראש ישיבה פון ישיבת חברון, רבי משה מרדכי עפשטיין, געקומען איינשטיין ביי די הערמאנ'ס.

איין נאכט האט מרת הערמאן געהאט א שרעקעדיגע חלום.

**און יעצט לייענט ווייטער.**

מרת הערמאן האט אנגעהויבן דערציילן איר חלום. עס איז קענטיג געווען אז רבי ברוך בער האט זיך קאנצענטרירט אויף יעדעס ווארט און עס גענומען זייער ערנסט.

ווי נאר זי האט געענדיגט דערציילן האט זי צוגעלייגט, "און יעקב יוסף האט אויף איינמאל באשלאסן אז ער וויל שוין אהיימברענגען נחום דוד. איך מיין אבער אז היות ער לערנט אזוי פלייסיג זאל מען ווארטן נאך אביסל."

רבי ברוך בער איז געזעסן שטיל א שטיק צייט און דאן געזאגט, "דאס איז א גוטער חלום. בנוגע נחום דוד, אויב רבי יעקב יוסף האלט אזוי זאל ער אזוי טון. איך האב נישט קיין חשק צו זאגן אנדערש ווי די מיינונג פון א צדיק."

נאך יענעם טאג האט מען אפגעשיקט א בריוו צו נחום דוד אז ער זאל זיך שוין גרייטן אהיימצוקומען.

נחום דוד איז געווען זייער שאקירט און נישט געוואוסט וואס צו טון. ער האט געוויזן דעם בריוו פאר זיין ראש ישיבה רבי משה מרדכי, וועלכער האט רעאגירט ענליך צו רבי ברוך בער.

"טו וואס דער טאטע זאגט."

אזוי האט זיך נחום דוד ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אהיים.

ווען ער איז אבער אנגעקומען צום שיף, האט ער דערזען צו זיין אנטוישונג אז די שיף האט שוין אפגערייזט. די איינציגסטע ברירה איז געווען אז ער זאל נעמען א כינעזישע פראכט שיף און פארן דערמיט קיין פראנקרייך און פון דארט כאפן א שיף קיין אמעריקא.

אזוי האט ער טאקע געטון. עס איז געווען אן אינטערעסאנטע נסיעה. ער איז געווען דער איינציגסטער ווייס-הויטיגער צווישן א מחנה פון כינעזער.

דעם ערשטן אינדערפרי האט נחום דוד געלייגט תפילין. זיין שכן פון זיין צימער אויפ'ן שיף האט דאס געזען און געעפנט צוויי פארגאפטע אויגן.

צוויי טעג שפעטער האט אויסגעבראכן א שטורעם און עס האט אויסגעזען ווי אט אט און די שיף זינקט ח"ו.

נחום דוד איז אריינגעלאפן אין זיין צימער און אנגעהויבן דאווענען און בעטן דעם אייבערשטן. פלוצלינג האט זיך די טיר פון זיין צימער אויפגעפראלט און א דערשראקענער קאפיטאן מיט נאך רייזנדע זענען דארט געשטאנען. אין א צובראכענעם ענגליש, מיט די הענט און פיס האבן זיי אים געוויזן, "טו אן דיינע קעסטעלעך (תפילין) און דאווען צו דיין גאט."

נחום דוד האט אנגעטון זיינע תפילין און זיי האבן אים ארויפגעשלעפט אויפ'ן דעק וואס האט זיך געווארפן.

נחום דוד האט זיך מתבודד געווען און געזאגט צום באשעפער, "אייבערשטער, עס איז שוין באלד שבת, א טאג פון מנוחה. לאז די ים זיך בארואיגן און זאל דיין נאמען געגרויסט ווערן."




ווי די טאג האט געענדיגט צו מעריב און די שבת המלכה איז אריינגעקומען, האט זיך דער ים בארואיגט.

די גוים זענען געווען אינגאנצן איבערגענומען און האבן אים געקושט. נחום דוד איז דערהויבן געווארן אין זייערע אויגן. מען האט אים אנגעהויבן רופן "דער הייליגער מאן". זיי האבן אים באגאסן מיט אלערליי פרוכט (ווייל ער האט דאך נאר געגעסן כשר'ס).

דער קידוש ה' איז געווען געוואלדיג. הללו את ה' כל גוים.

נישט לאנג נאך נחום דוד'ס אנקום האט מען בשעה טובה געשלאסן א שידוך און זיך געגרייט צו די חתונה.

עטליכע וואכן נאך נחום דוד'ס חתונה, א וואך נאך תשעה באב, האט מען געהערט די ביטערע בשורה איבער א שרעקליכע אומגליק וואס האט פאסירט אין חברון. א מחנה אראבער זענען אנגעפאלן און ספעציעל איז באטראפן געווארן די ישיבה. ליידער זענען א צאל בחורים אומגעברענגט געווארן.

א שווערע שטימונג האט זיך אראפגעלאזט אין שטוב. רבי ברוך בער איז דאן געווען אין שטוב פון די הערמאן'ס. זיין זון האט דארט געלערנט. אויך זענען דארט געזעסן א צאל אינגעלייט וואס זייערע זין זענען געווען תלמידים פון רבי יעקב יוסף און ער האט זיי געשיקט לערנען קיין חברון.

אלע זענען געזעסן און געזארגט איבער דעם גורל פון זייערע קינדער. מען האט געהאפט אויפ'ן בעסטן אבער זיך געגרייט רח"ל אויפ'ן ערגסטן.

נחום דוד איז געווען אינגאנצן צושאקלט. ער האט שוין געהערט אז עטליכע פון זיינע נאנטע חברים זענען נעבעך געפאלן א קרבן צו די בלוט דורשטיגע רוצחים.

פלוצלינג האט זיך די טיר אויפגעריסן און מרת. קאפלאן (די מאמע פון רבי ברוך קאפלאן-גרינדער פון בית יעקב סקולס) האט אריינגעשטורעמט.

אין איר האנט האט זי געהאלטן א צייטונג וואס האט אויסגערעכנט די נעמען פון אלע קרבנות. דער נאמען פון איר זון איז אויך געשטאנען דארט.

רבי יעקב יוסף האט א קוק געטון און אויסגערופן, "איך גלייב נישט וואס דא שטייט. איך בין זיכער אז ברוך לעבט."

איינער האט זיך דערוואגט צו פרעגן, "וויאזוי זענט איר אזוי זיכער?"

אויף וואס רבי יעקב יוסף האט געענטפערט, "ווען איך האב געשיקט ברוך לערנען תורה אין חברון האב איך עס געמיינט כולו לשם שמים און איך בין זיכער אז עס וועט אים גארנישט געשען."

ווען רבי ברוך בער האט דאס געהערט האט ער געפרעגט, "רבי יעקב יוסף, וואס טוט זיך מיט מיין זון?"

רבי יעקב יוסף האט געענטפערט, "רבי, דער געפיל זאגט מיר אז אויך דעם רבי'ס זון לעבט."

שפעטער איז טאקע אנגעקומען א טעלעגראם פון ברוך קאפלאן וואו ער שרייבט "לעבט און געזונט."

אפאר מינוט דערויף האט אויך רבי ברוך בער באקומען אן ענליכע טעלעגראם.

שפעטער ביינאכט איז רבי יעקב יוסף געזעסן מיט זיין ווייב און געשמועסט. מרת. איידל הערמאן האט נישט געקענט אויפהערן וויינען פון די טראגעדיע און פון דעם נס אז נחום דוד האט אויסגעמיטן די צרה.

רבי יעקב יוסף האט זיך געווענדט צו זיין ווייב, "דו געדענקסט דיין חלום פון אברהם אבינו מיט שרה אמנו, וואו מען האט דיר צוגעזאגט אז דיינע תפילות זענען נתקבל געווארן? דו געדענקסט אז איך האב דאן אויף איינמאל באשלאסן אהיימצוברענגען נחום דוד?"

דערנאך האט ער ווייטער געזאגט, "מיר זענען דעמאלטס געשטאנען פאר א משפט ביים בית דין של מעלה. מען האט געהאלטן אינמיטן דן זיין איבער דעם לעבן פון נחום דוד. די זכות פון הכנסת אורחים, די מצוה פון אברהם אבינו, וואס ליגט אין חברון, איז אונז בייגעשטאנען און זיי האבן געפועל'ט פאר אונז."

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

# שטיקלעך גאלד

אהרן קליטניק

אין דער שטאט דזשערבא וואס געפינט זיך אין טוניס, האט געוואוינט א גרויסער צדיק מיט'ן נאמען רבי ניסים. ווען ער איז נאך געווען יונג און זיין נאמען איז נאכנישט געווען באקאנט אלס א געטליכער מאן, האט רבי ניסים געדארפט פרנסה צו שפייזן זיין משפחה. ער האט געטראפן אן ארבעט ביי א איד מיט'ן נאמען מיימון, וואס האט געהאט אין זיין שטוב א שמיד-שעפל וואו ער פלעגט פארערכטן צירונג פון גאלד און זילבער.

רבי ניסים האט געארבעט פאר אים גאר געטריי און מיט א גרויסער ערליכקייט.

נאכ'ן ארבעטן די ערשטע וואך, איז רבי ניסים צוגעגאנגען צו מיימון און אים געזאגט: "איך האב געארבעט פאר דיר א וואך, ביטע באצאל מיר דעם סכום וואס מיר האבן אפגעמאכט." האט מיימון געענטפערט: "קוק, איך האב יעצט נישט קיין פרוטה אין טאש צו באצאלן; קומענדיגע וואך וועל איך דיר באצאלן פאר צוויי וואכן אינאיינעם." רבי ניסים האט עס אנגענומען מיט פארשטאנד, טראכטנדיג אז אזוי ווי ער האט נישט, האט ער נישט.

עס זענען אדורך צוויי וואכן און רבי ניסים איז ווידער געקומען צו מיימון: "נו, עס זענען שוין אדורך צוויי וואכן, האלט דאס ווארט און באצאל מיר פאר מיין ארבעט." אבער מיימון מיט א פרישקייט האט אנגעהויבן זאגן: "איך האב יעצט נישט קיין געלט, ווארט ביז סוף חודש און איך וועל דיר באצאלן פאר'ן גאנצן חודש."



א שול אין טוניס

ווען עס איז געקומען סוף חודש, האט מיימון אנגעהויבן זינגען דעם זעלבן ניגון: "איך האב נישט, ווארט א וואך אדער אפשר צוויי, אדער אפשר גאר נאך א חודש אדער צוויי."

רבי ניסים האט געזען וואס דא טוט זיך, און ער האט פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין עסק; ער האט מורא געהאט אז מען וועט אים דא ארומשלעפן זיין גאנץ לעבן מיט שיינע תירוצים. רבי ניסים האט געטראכט צו זיך: "איך האב א פלאן. למעשה, ווען מען ארבעט מיט גאלד און זילבער, בלייבן אלץ איבער קליינע פיצעלע שטיקלעך אויף דער ערד וואס קיינער קוקט נישט דערויף און עס גייט אין מיסט."

איז רבי ניסים אויפגעקומען מיט א פלאן: "איך גיי אויפהייבן און צאמנעמען אלע שטיקלעך גאלד און זילבער, און עס אריינלייגן אין א פושקע וואס וועט ליגן אונטערן טיש. נאך א שטיק צייט וועל איך בעטן פון מיימון די פושקע אלס א באלוינונג פאר מיין ארבעט."

א גאנץ יאר איז אריבער, און רבי ניסים קומט צו מיימון און זאגט אים: "איך האב געארבעט געטריי, נו, באצאל מיר." מיימון האט אויסגערעכנט דעם חשבון וויפיל ער קומט אים, און עס איז אים געווארן שווארץ פאר די אויגן; ער האט נישט געהאט אזויפיל געלט אים צו באצאלן.

רופט זיך אן ניסים: "קוק וואס איך האב דא", און ער ווייזט אים די גאנצע פושקע אנגעפילט מיט קליינע פיצעלע שטיקלעך גאלד און זילבער וואס ער האט צוזאמגענומען דורכאויס די לעצטע יאר צייט. ער זאגט אים: "איך בין גרייט מען זאל מיך באצאלן פון די פושקע, ביסטו מסכים?" פרעגט ער מיימון. ווי נאר מיימון האט דאס געהערט, איז אים לעכטיג געווארן אויף די אויגן; ער האט זיך שטארק געפריידט מיט דעם איינפאל, און פון גרויס התרגשות האט ער ארומגענומען רבי ניסים פארן אויפקומען מיט אזא גוטן פלאן וויאזוי זיך ארויסצודרייען פון זיין קלעם און וויסן וויאזוי צו באצאלן.

גלייך האט ער געמאכט א חשבון וויפיל געלט עס ליגט דארט, און עס איז אויסגעקומען אז ער האט געהאט גענוג צו באצאלן פאר רבי ניסים, און עס איז אים אפילו איבערגעבליבן אביסל פאר זיך אליין.

רבי ניסים פלעגט שטענדיג דערציילן די מעשה, און דער לימוד דערפון האט גערעדט פון זיך אליין: אז פונקט ווי ביי די גאלד שטיקלעך, דארף א מענטש אריינכאפן ווי מער "נקודות טובות" - א "ברכו", א דף גמרא, א פרק משניות, אדער נאך א מינוט פון רעדן צום הייליגן באשעפער - ווייל פון אלע קליינע זאכן צוזאמען ווערן אנגעפילט גאנצע אוצרות.

*תוך הנחל פרשת כי תבוא תשע"ב*



דעם הייליגן רבינ'ס

לעבנסגעשיכטע

קנ"ז

# פארזעצונג פון פריער:

**רֶבִּי נָתָן גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן צוּ בִּינְדֶען דִי קוּנְטְרֵסִים מִיט דִי תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

דָאנֶערְשְׁטָאג אִיז פַארְעֶנְדִיגְט גֶעוָוארְן דָאס בִּינְדֶען אַלֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן כְּתַב יַד אִין אֵיין בַּאנְד, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' אַזוֹי וִוי עֶס אִיז יֶעצְט גֶעדְרוּקְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר פוּנֶעם סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, " נָאכְאַלְץ בִּיסְטוּ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ?! וֶועסְט נָאךְ אַמָאל וִויסְן מַיין גְרוֹיסְקֵייט!".

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַנְטְפְּלֶעקְט אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ סֵפֶר בַּיי זִיךְ, דֶער סֵפֶר הַנִּשְׂרָף.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן שִׂמְחָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵוייסְט נִישְׁט פוּן זַיין נָאמֶען". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת אַז דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט פַארְגֶעסְט עֶר זַיין נָאמֶען, דָאס אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֵת אִיז זֵייעֶר בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט זַיין נָאמֶען.

אַ אִיד דַארְף אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס, אֲפִילוּ עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען עֶר זַיין פְרֵיילִיךְ בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גוֹי, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אֵיין צַייט אִין טָאג דַארְף מֶען בַּאשְׁטִימֶען אוֹיף דֶעם, זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף פַארְעֶכְטְן, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר אִיז נָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת, נָאר הָאבְּן אַ לֵב נִשְׁבָּר, אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען נָאר זַיין אַלְץ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אוֹיסֶער וָואס דָאס הֶעלְפְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיין, קֶען מֶען מִיט דֶעם מְחַיֶּ' זַיין נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער גָאר שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אִין לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַאר וֶועמֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זֵייעֶר בִּיטֶער הַארְץ פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אוּן וֶוען זֵיי בַּאגֶעגֶענֶען אֵיינֶעם מִיט אַ פְרֵיילִיכְן פָּנִים, אֵיינֶער וָואס גֶעבְּט זֵיי אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט פוּן דֶעם.

קוּמְט אוֹיס אַז מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעזִיכְט, אִיז עֶר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תַּעֲנִית כ"ב:) פוּן דִי צְוֵויי בַּדְחָנִים וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס אִיז מֶען אַרַיינְגֶעצוֹיגְן גֶעוָוארְן אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁמוּעֶס, אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אַ נָאמֶען אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ זָאגְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פַאר "יִהְיוּ לְרָצוֹן" אַ פָּסוּק וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת פוּנֶעם נָאמֶען.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



בשם די הונדערטער
משפחות אנשי
שלומינו פון ארץ
הקודש ווילן זיך
הערצליך באדאנקען
פאר די אלע חשובע
תומכים ונדיבים וואס
אין זייער זכות איז
צושאנד געקומען די
חלוקת קמחא
דפסחא

## בראש ובראשונה פאר
## די גרעסערע תומכים:

מו"ה ר' **אברהם עקיבא ראטמאן** הי"ו
און נאך חשובע נדבנים הד

וואס האבן מוזיל געווען זהב מכיסם און זיך אנגערופן מ

## ווי אויך פאר די אנדערע נדבנים כל אחד

מו"ה ר' משה גראס שליט"א
מו"ה ר' יהודה אריה ליבערמאן הי"ו
מו"ר ר' אליעזר ברכה הי"ו
מו"ה ר' חיים ברייער הי"ו
מו"ה ר' יעקב שאול פיש הי"ו
מו"ה ר' אהרן וועבערמאן הי"ו
מו"ה ר' יצחק וואקסבערגער הי"ו
מו"ה ר' איציק מענדעלאוויטש הי"ו
מו"ה ר' שמואל וועג הי"ו
מו"ה ר' אשר לעמיל זוסמאן הי"ו
מו"ה ר' אברהם שבתי' מזרחי הי"ו
מו"ה ר' ישראל סופר שליט"א
מו"ה ר' יוסף סאקס שליט"א
מו"ה ר' מנשה איצקאוויטש הי"ו
מו"ה ר' אלתר לב הי"ו
מו"ה ר' בעריש קרויס שליט"א
מו"ה ר' משה וויינבערגער הי"ו
מו"ה ר' מנחם יאקאבזון הי"ו
מו"ה ר' חיים פריש הי"ו
מו"ה ר' יצחק אייזיק ראטה הי"ו
מו"ה ר' אהרן סאמעט הי"ו
מו"ה ר' נתן שמש הי"ו
מו"ה ר' יואל הכהן ראזענבערג הי"ו
מו"ה ר' לוי יצחק זאפיר הי"ו
מו"ה ר' פייוול ראזנוואסער הי"ו
מו"ה ר' יהודה אריה ראטה הי"ו
מו"ה ר' יואל מענדעלאוויטש הי"ו
מו"ה ר' יוסף פאנעט הי"ו
מו"ה ר' יואל וועבערמאן הי"ו

מו"ה ר' זושא פרידמאן הי"ו
מו"ה ר' יצחק פאפנהיים שליט"א
מו"ה ר' אליהו לב הי"ו
מו"ה ר' יצחק גאלדוויי הי"ו
מו"ה ר' יצחק אייזיק אפל הי"ו
מו"ה ר' יעקב הײלפערין הי"ו
מו"ה ר' מרדכי הערצאג הי"ו
מו"ה ר' יודא לייב ווייס הי"ו
מו"ה ר' יצחק אהרן וויינבערג הי"ו
מו"ה ר' ישראל קרויס הי"ו
מו"ה ר' מנחם שטיינבערג הי"ו
מו"ה ר' יוסף זינגער הי"ו
מו"ה ר' משה אריה קרויס הי"ו
מו"ה ר' משה רעכניצער הי"ו
מו"ה ר' יואל שעכטער הי"ו
מו"ה ר' יעקב בלוך הי"ו
מו"ה ר' ישראל יוסף שניצלער שליט"א
מו"ה ר' חיים מנדל ראטער הי"ו
מו"ה ר' משה אריה גרויז הי"ו
מו"ה ר' שלמה טייטלבוים הי"ו
מו"ה ר' יואל קליין הי"ו
מו"ה ר' אשר לעווי הי"ו
מו"ה ר' שבתי' מרקוס הי"ו
מו"ה ר' משה יצחק קליין הי"ו
מו"ה ר' אברהם קליין הי"ו
מו"ה ר' יואל קליין הי"ו
מו"ה ר' נחמן יאקאבאוויטש הי"ו
מו"ה ר' חיים שלום קרויס הי"ו
מו"ה ר' יוסף גברא הי"ו

מו"ה ר' נחמן נתן מיימוני הי"ו
מו"ה ר' שמעון אלעזר פרידלנד
מו"ה ר' יהודה רשפיאן הי"ו
מו"ה ר' נחמן ישראל יאקאבאוו
מו"ה ר' ישראל משה דושינסקי
מו"ה ר' אשר בער אינדארסקי ה
מו"ה ר' ראובן בירנבוים הי"ו
מו"ה ר' יוסף ברילל הי"ו
מו"ה ר' משה האמער הי"ו
מו"ה ר' מרדכי הלוי היימליך הי
מו"ה ר' אליעזר זוסיא ווערטהיי
מו"ה ר' יצחק יונה זאבל הי"ו
מו"ה ר' יעקב יאקאבאוויטש ש
מו"ה ר' עלי מזרחי הי"ו
מו"ה ר' הערשל ניימאן הי"ו
מו"ה ר' ישראל פוקס הי"ו
מו"ה ר' יואל משה פליישמאן ש
מו"ה ר' משה יחיאל פעלדמאן ה
מו"ה ר' אהרן קליטניק הי"ו
מו"ה ר' ישראל מיכל ראזנפעלד
מו"ה ר' אברהם משה שטראסס
מו"ה ר' דוד ניינשטיין הי"ו
מו"ה ר' שלום לעווין הי"ו
מו"ה ר חיים יאקאבאוויטש הי"ו
מו"ה ר' אברהם דוד אנשין הי"ו
מו"ה ר' נחמן שמואל מרדכי יא
מו"ה ר' משה נחמן רביבו הי"ו
מו"ה ר' משה שמואל שטעסל ש
מו"ה ר' אברהם שקלאר הי"ו

מפעל החסד יעזורו שע"י מוסדות הי

## בזכותכם!

**האט מען געקענט פארטיילן פאר משפחות אנשי שלומנו פון אר"י דער סכום פון:**

**איבער 140 טויזנט שקלים לכבוד יום טוב פסח העעל"ט**



*sruliHeskel


קאמפיין
תשפ"ו
ושלים
בית שמש
בני ברק
בראכפלד
ביתר
חיפה
אלעד
יבנאל
טבריה
צפת
עניי
ארץ
ישראל
קמחא
דפסחא
יו"ט מיט הרחבת הדעת
פאר אנ"ש בארה"ק
שע"י "יעזורו"
כח
מו"ה ר' אברהם טיקאלסקי הי"ו
ופצים בעילום שמם
מיט שענערע סכומים למען די קמחא דפסחא
בשמו הטוב יבורך
גדול המעשה
יעמדו על הברכה די
עושים ומעשים למען
די קמחא דפסחא
מו"ה ר' יהושע רבינאוויטש שליט"א
מו"ה ר' שלמה מינצבערג הי"ו
מו"ה ר' ישעי' שטערן הי"ו
מו"ה ר' נח לעווין הי"ו
מו"ה ר' אלטר לב הי"ו
מו"ה ר' אהרן גאלדשטיין הי"ו
מו"ה ר' נתי לב הי"ו
מו"ה ר' בנימין מזרחי הי"ו
כל הקודש בארה"ק

# היכל הלכה

## הלכות פון די ספירה טעג

### חלק ב'

**המשך פון פארגאנגענע וואך:**

ה] דער אר"י הקדוש האט עס אביסל אנדערש אפגעלערענט, אז די אלע טעג, צעווישן פסח און שבועות זענען ימי דין[07], און וועגן דעם זענען די תלמידים פון ר' עקיבא געשטארבן אין די טעג.

ד.ה. אויף די תלמידים האט געשוועבט א גזירה וועגן שלא נהגו כבוד זה לזה, און זיי האבן באקומען די עונש דייקא אין די טעג, ווייל ס'איז ימי דין, און אזוי שטייט אויך אין ספר עץ הדעת טוב[08], ***ימי ספירת העומר הם ימי דין גמור לכל הפרטים...*** די טעג פון ספירה זענען ימי דין **וכמה שצווני להקריב עומר השעורים**[09] **ביום צאתנו מן הסכנה, גם נצטווינו להקריב שתי הלחם של חיטים בחג השבועות, כאשר גם הם יצא מידי סכנה להודות להשם יתברך, כעל כל אשר גמלנו** - אז פונקט אזוי ווי מ'דארף ברענגען א קרבן עומר ווייל די גערשטן זענען געווען אין א סכנה פון נישט ווערן געצייטיגט און מען ברענגט א קרבן, דאנקען דעם אייבערשטן אז ס'איז יא געווארן געצייטיגט, כעין א קרבן תודה[10].

אזוי אויך שבועות ברענגען מיר חלות, ד.ה. שתי הלחם, וואס מ'האט געברענגט בזמן שהיה בית המקדש קיים, צוזאמען מיט שעפסען וואס מ'האט מקריב געווען כעין א קרבן תודה, דאס איז ווייל די טעג פון ספירה זענען ימי דין, און מען איז ארויס דערפון

## הגהות

7) עי' כל זה בס' פרי עץ חיים, שער ספירת העומר פרק ו'.

8) פר' ראה.

9) זה משכ' דכשמביאין תודה מביאין חלות של שעורים שע"ג כעם שלא כתיב זה בכל מקום, אדרבה במסכת סוטה במשנה דרך קרבנה היתה של שעורים, דכשם שמעשיה מעש, בהמה כך קרבנה מאזל בהמה, ולא שום קרבן אחרת רק עומר של שעורים כדדרשינן במסכת מנחות.

10) מענין לענין באותו ענין: קרבן תודה הוי מחלו', מהו דהיינו דאיתא בג' נדרים (י.) שמתנדב אדם תודה ולחמה כל זמן שירצה, ורש"י במנחות ע"ט: כת"י ד"ה לאחר, בפי' ב' כ' לאמר: ששני מיני תודות הם, תודות חובה של הד' הצריכים להודות, ותודה ונדבה של כל אדם, פנים יפות כ' דהוא קרבן נדבה פרמ"ג - או"ח אשל אברהם הקדמה לפי' רי"ט כ' דהוא מדברי קבלה - נראה בשדי חמד - אסיפת דינים פעת השדה מערכת ברכות פי' י"ב מענין זה.

11) מאמר מעין גנים ח"ג סדר ספירת העומר.

12) און אזוי אויך נעמט מען אראפ 7 טעג פון פסח, 6 טעג שבתים, 3 טעג שלשת ימי הגבלה און ל"ג בעומר.

13) וכ' המשנ"ב שם, דאינו ככסיל שבחושך הולך, כיון שעושה כן מחמת ספק שאינו יודע איזה מנהג עיקר, עי"ש בשם החק יעקב.

14) חוות יאיר (במקור חיים) מנהג ווירמייזא (הובא בספ' ויברך דוד שו"ת סי' נ"ט).

בשלום, דאנקט מען דעם אויבערשטן.

דאס אז די ספירה טעג זענען ימי דין ווערט אויך דערמאנט אין רמ"א מפענו[11] אין יעב"ץ. און צוליב דעם גייט אן אביסל דיני אבילות ווייל ס'איז ימי דין.

**ו]** טורי זהב אין סי' תצ"ג דערמאנט אז ס'האט פאסירט נאך צרות פאר אידישע קינדער חוץ פון די פטירה פון די 24,000 תלמידי ר' עקיבא; אין יאר פון ד' תתנ"ו איז געווען גזירת שמד אין די מדינות אשכנז און צענדליגע טויזענטער אידן זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, אזוי זענען גאנצע קהילות חרוב געווארן.

רוב פון די אידן זענען אומגעקומען צווישן פסח און שבועות, און ס'איז אפילו דא ספעציעלע פיוטים וואס קלאגן אויף די אלע שחיטות ר"ל. אין אלטע אשכנז'ישע קהילות פלעגט מען עס זאגן אין די שבתים צווישן פסח און שבועות. עכ"פ זעט מען אז דאס זענען טעג פון דין.

**הקדמה קצרה:** ס'איז דא פינף שיטות ווען די תלמידים פון ר"ע זענען געשטארבן און לויט דעם גייען אן די דיני אבילות. יעדע שיטה האלט אז נאר אין די טעג וואס זיי זענען געשטארבן גייען אן די דיני אבילות. די שיטות זענען:

**א)** רבינו ירוחם (אדם וחוה נתיב ה' ח"צ) דרשות ר"י אבן שועיב (דרשות יום א' של פסח) תשב"ץ (שו"ת ח"א סי' קע"ח) אז זיי זענען געשטארבן ביז פרוס עצרת - 15 טעג פאר שבועות, דאס מיינט אז ביי יום ל"ד בעומר איז שוין אלעס מותר. לויט די שיטה איז נאך ל"ג בעומר אסור.

**ב)** ביז ל"ג בעומר זענען זיי געשטארבן און ל"ג בעומר האבן זיי אויפגעהערט צו שטארבן (מאירי יבמות סב: ד"ה אע"פ) און די טור ברענגט אויך די שיטה, לויט די שיטה איז ל"ג בעומר און פון ל"ג בעומר און ווייטער אלעס מותר.

**ג)** א טייל ראשונים לערנען אז 33 טעג פון די ימי ספירה זענען זיי געשטארבן אבער די טעג וואס מ'זאגט נישט קיין תחנון זענען זיי נישט געשטארבן ווי למשל ראש חודש, שבת, א.א.וו. לויט דעם חשבון בלייבט נישט איבער מער ווי 33 טעג.

**ד)** ס'איז דא א שיטה אז נאר 32 טעג פון די ימי ספירה זענען זיי געשטארבן (מהרי"ל סדר בה"ב).

**ה)** לויט אלע שיטות ביז אהער איז למעשה נישט אסור מער ווי 33 טעג, אבער די מנהג ביי חסידים איז אז ס'איז אסור נישט נאר 33 טעג נאר אלע טעג פון די ימי ספירה. די מקור פאר די מנהג איז די לבוש **(סי' תצ"ג סעי' ב')** און ער שרייבט צוויי הסברים אויף די מנהג:

א. זיי זענען געשטארבן אלע טעג חוץ פון די טעג וואס מ'זאגט נישט קיין תחנון, מילא איז אסור אלע טעג חוץ פון ל"ג בעומר[12].

ב. אז זיי זענען באמת געשטארבן אלע טעג פון די ימי ספירה. אויך ווערט דערמאנט די מנהג אין משנ"ב[13] (סי' תצ"ג סקי"ז).

**ו]** לויט אונזער מנהג אז מ'פירט זיך אז אלע אבילות פון די ימי ספירה גייט אן אלע טעג צווישן פסח און שבועות איז דא א מחלוקת אויב ס'גייט אן אויף שבת אויך, למשל באנייען א נייע בגד. ס'איז דא וואס זאגן אז שבת מעג מען אויך נישט באנייען[14], און ס'איז דא וואס זענען מקיל. מיר פסק'נען אז אויב ס'איז וויכטיג און מ'דארף עס וויכטיג קען מען מקיל זיין און אויב ס'איז נישט אזוי וויכטיג זאל מען עס אוועק לייגן פאר ל"ג בעומר.

**ז]** אפילו א טייל הלכות און מנהגים פון די ימי ספירה זענען דומה צו די ימי בין המצרים איז אבער קלאר אז נאר דאס וואס האט א מקור הלכה, אדער איז א מנהג גייט אן אין די טעג. נישט אלעס וואס איז אסור אין די טעג פון בין המצרים גייט אן אין די ימי ספירה למשל פארן אויף א וועג: אין דיניין טעג האלט מען זיך צוריק אבער אין ספירה איז עס מותר[15]. אזוי אויך זיך באדן, שווימען, זיך וואשן איז מותר אין די ימי ספירה[16].

**ח]** באנייען - מ'באנייט נישט קיין נייע קליידער אין די ימי ספירה[17]. זיכער נישט באנייען א חשובע קלייד וואס מ'דארף זאגן א שהחיינו אויף דעם, און אפילו סתם א קלייד באנייט מען אויך נישט.

**ט]** א קלייד וואס איז בכלל נישט חשוב אזוי ווי אונטער וועש, זאקן, שטרימפ: סתם אזוי טוט מען אויך נישט אן קיין נייע, אבער אויב מען דארף, מעג מען יא אנטון נייע[18] (אפילו ס'איז נישט אזוי וויכטיג).

י] שבת באנייט מען אויך נישט. אויב ס'איז וויכטיג מעג מען באנייען אויף שבת[19].

**י"א]** מען קען מקיל זיין[20] און קויפן אויף אוועק צו לייגן און נישט אנטון אויף יעצט. אוודאי אויב ס'איז דא יעצט א סעי"ל וכדומה איז זיכער נישט קיין שום שאלה און מ'מעג עס יעצט קויפן.

## הגהות

15) מנחת אלעזר ח"ד סי' מ"ד.

16) שו"ת דברי מלכיאל ח"ג סי' י"ג.

17) המקור הראשון לאסור לחדש בגדים בימים אלה בספר לקט יושר, עפ"י מנהגו רבו - התרומת הדשן (דף צ"ז). וכן בתשובת ופסקים חכמי אשכנז וצרפת (מקיצי נרדמים תשל"ג סי' ס"ט). ספר מנהג טוב - מנהגים משל, חכם א' מחסידי איטליא (בודאפעסט תרפ"ט סי' ס"א). ספר התדיר לר' יוסף בן משה, תלמוד התרומה"ד (ירושלים תשכ"ד עמ' צ"ז). מנהג ק"ק ווירמייזא (ח"א סי' צ"ג). יוסף אומץ (או' תתמ"ה). מקור חיים לחוות יאיר (סי' תצ"ג סעי' ג').

מאידך יש מקילים וסוברים דאין שום איסור: שו"ת לבושי מרדכי (סי' קנ"ג). זכר דוד, העיקרי הד"ט (או"ח סי' כ"א אות י"ז) הובא בליקוטי מהרי"ח - שו"ת קרן לדוד (סי' קי"ט) אבל כאמור, המנהג פשוט בזה כדעת האוסרין. כמובן לצו' גדול מצרפין את המיקילים, וכן דרך ההוראה שקיבלתי מרבותי.

18) בלקט יושר הנ"ל איתא שאף בגדים שאינם חשובים נמי אין לובשים בימים אלו, והיינו לא רק בגד עליון אינם מחדשים אלא אף בגדים דהוי חשובים קצת ג"כ לא לובשים, כגון חלוק - מכנסיים וכדומה. משא"כ בגדים שאינם חשובים כלל, אינם בכלל האיסור.

19) אזוי ווי ערקלערט אין אות ו'.

20) בלקט יושר הנ"ל איתא דלקנות ולהשאיר לזמן אחר ג"כ אסור אבל רבים כתבו על זה דהוי חומרא יתירא. עי' בקונטרס באר יחזקאל, ימי ספירה דף כ"ב.

# מעשיות פון תפילה



**אייזיק הכהן קאהן** | קרית ברסלב

איך האב אן אויוון וואס איז שוין גאנץ אלט, און שוין כמעט א יאר צייט וואס איך מוטשע מיך דערמיט. ער פלעגט זיך נישט וועלן אנצינדן פון צייט צו צייט, און אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז יעצט אסרו חג פסח.

יעצט, ווען מען האט געוואלט אנהייבן באקן פרישע חלות, האט ער בשום אופן נישט געהאלטן ביים ארבעטן.

איך האב פרובירט אהער און אהין, אבער ער צינדט זיך נישט אן; ער איז פשוט געשטארבן.

איך האב גלייך געדאנקט דעם אייבערשטן אז עס האט געהאט געארבעט ביז יעצט, און אז מיין וואש מאשין וואס האט אויך געמאכט פראבלעמען, ארבעט ברוך השם פיין.

דערנאך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז דער אויוון זאל צוריק אנהייבן ארבעטן ווי געהעריג, וויבאלד אן אויוון איז נישט קיין ביליגע מעשה, בפרט ווען מען דארף עס האבן ממש יעצט צום באקן.

איך האב פרובירט אפרייבן אנגעקלעבטע שטיקלעך אינעם אויוון, אפשר וועט דאס העלפן, און יא - שכח אייבערשטער! נאכן דאס טון האט עס אנגעהויבן ארבעטן כאילו לא היה.

**משה שמואל שטעסל** | ירושלים

איך האב זייער שטארק געוואלט זיין אויף יום טוב פסח אין קרית ברסלב ליבערטי.

למעשה האט אויסגעבראכן א מלחמה, און עס זענען געווארן פיל ווייניגער פלייטס מיט ווייניגער אפציעס ארויסצופארן.

איך האב פונדאסניי געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א וועג, און אלעס זאל פארן געשמאק און גרינג.

שכח אייבערשטער אז מיט גרויסע ניסים האב איך געהאט א וועג ארויס (נישט דורך מצרים...) און איך בין אנגעקומען בשלום. איך האב געהאט א גוטע אכסניא אין שטעטל במשך דעם גאנצן יום טוב, און זייער הנאה געהאט פון אלע תפילות, דרשות, און אזוי ווייטער.

אויפן וועג אהיים האט זיך דער פליגער זייער געווארפן אהין און אהער פון די ווינטן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך אויפהערן אזוי צוווארפן; עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען אז יעדע מאל וואס איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, האט עס גלייך אויפגעהערט זיך צו שאקלען.

# יוחנן קוקט אויס ווי אן עכטע ערליכע איד!

ווייל אן עכטע ערליכע איד
וועט אייביג האלטן זיין
פראפערטי זויבער און
האבן די גראז שיין געשניטן •

KB GROUP
property management
and construction team

אויסזעהן ווי אן ערליכע איד
845.439.0001

KBMANAGEMENTNY.COM

GRASS CUTTING \\ LANDSCAPING \\ RUBBISH REMOVAL \\ PROPERY CLEANUP

# געדאנקען

# א העליקאפטער פאר אפיקומן

עס איז געווען א עונג רוחני צו האבן דעם ראש ישיבה אין שטעטל פאר איבער צוויי וואכן.

ליל שבת קודש פרשת צו, שבת הגדול, זענען מיר אריבערגעגאנגען נאך אונזער סעודה צו דער ראש ישיבה שליט"א, אנקומענדיג צו די טיר האט מיך באפאלן א שוואכקייט אז איך האב נישט געהאט די דרייסטקייט צו קלאפן אויפ'ן טיר, עס האט זיך אריינגעכאפט אין מיר די אלטע פראבלעם צו ס'איז יא דא א באטע, צו ס'איז נישט דא א באטע, צו מען דארף מיך יא צו מען דארף מיך נישט, למעשה אזוי ווי איך ספראווע זיך מיט מיין שוואכקייט האט דער אייבערשטער געמאכט א נס און איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האט געעפנט די טיר.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט צו מיר האבן געמאכט פערפל, דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה פון זיין זיידע הרה"ח המפורסם מו"ה ר' חנה טייטלבוים ז"ל ביי רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, די מעשה מיט די פערפל, אז ר' חנה ז"ל האט אמאל געזאגט פאר'ן רבי'ן ביים טיילן שיריים פון די פערפל, אז ער וויל שיריים פון די פערפל ווייל זיין ווייב האט נישט געמאכט פערפל די וואך (אפשר איז עס געווען שבת הגדול, איך בין נישט זיכער די חלק פון די מעשה), האט דער רבי זיך געוואונדערט, נישט געמאכט קיין פערפל?! זייט דעמאלטס האט מען עקסטער מקפיד געווען ביי ר' חנה ז"ל אז ס'זאל נישט אריבער גיין א וואך אן מאכן פערפל.

די מעשה האב איך געהערט פון דער ראש ישיבה שליט"א שוין דריי מאל.

איינמאל ביי די אויבן דערמאנטע באטע דעם פאראנגעגענעם שבת הגדול, איינמאל פאר צוויי יאר צוריק שבת הגדול, דער ראש ישיבה האט דעמאלטס געגעסן די פרייטאג צו נאכטס סעודה אין האשקי שול. און איינמאל דעם פאראנגעגענעם פרייטאג צו נאכטס פרשת שמיני אין שטוב פון מו"ה מרדכי אהרן היילפרין נ"י, און דאס מאל האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז די סעודה פון שבת "איז נישט קיין פארטי", מען עסט די מאכלים וואס מען עסט שבת.

ברוך השם אונזער אפיקומן מצב איז געווען זייער פרייליך, מען האט געקענט בעטן וואס מען וויל........ למעשה האט מען געקויפט א קליינטשיגע שפילצייג פאר די קינדער וואס זענען זייער וואויל (אין ברסלב איז יעדער וואויל, מען זאגט עס אזוי לאנג ביז ער איז עכט וואויל).

מען האט מסביר געווען פאר די קינדער אז דאס וואס טייל מענטשן טראכטן אז ביי אפיקומן בעט מען פון דעם טאטן א טויזנט דאלערדיגע קעמרע אדער א טריפ קיין יאהאנעסבורג, דאס איז נישט די כוונה פון אפיקומן, אפיקומן איז א שפיל פאר די קליינע קינדער, מען מאכט זיי פרייליך זייערע קעפעלעך זאלן זיין אפן אין די הייליגע נאכט און אריינעמען די שיינקייט פון די נאכט, די גרעסערע קינדער זענען פרייליך ביים צוקוקן ווי מען מאכט פרייליך די קליינע קינדער, מען קויפט א מהיכי תיתי'דיגע

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אפיקומן מתנה פאר די קינדער זיי צו מאכן פרייליך און זיי באלוינען פאר'ן זיין וואוילע קינדער.

אבער נישט דאס קינד איז מחליט וועלכע מתנה, דער טאטע איז מחליט וועלכע מתנה.

און מען מוז נישט מקבל קנין זיין אינמיטן די הייליגע סדר אז דו באקומסט פונקטליך אזא קעמרע אדער אזא העליקאפטער.

דער טאטע וועט דיר קויפן עפעס א שמיטשיקל און יעצט גייט מען עסן א שטיקל מצה פאר אפיקומן, און די סדר גייט ווייטער, די שטוב ווערט געפירט פון די עלטערן, נישט פון די קינדער.

אבער דאס קען מען נישט אנהייבן ווען דאס קינד בעט שוין א טייערע אפיקומן, דאס איז די וועג פון די חינוך וואס מען שטעלט איין אין שטוב דורכ'ן גאנצן קיילעכיגן יאר.

יום טוב צופרי, (אדער די ערשטע טאג, אדער די צווייטע טאג) ביים לערנען זוהר הקדוש, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביים לערנען זוהר הקדוש איז מער תועלת צו לערנען פשוט, ווייל אויב מען זוכט צו לערנען אלעמאל דייקא מיט די פירוש, וועט עס זיין שווערער צו קענען אנקומען צו פארשטיין די לשון פון זוהר בשעת מען זאגט זוהר, אבער אויב מען לערנט פשוט אן די פירוש, וועט אים זיין גרינגער צו ווערן צוגעוואוינט צו פארשטיין די לשון פון זוהר.

די דריי טעג חול המועד האבן מיר גענומען אונזערע קינדער צו גאר א שיינע פלאץ, מיר האבן זיי גענומען צו מיטהאלטן די הערליכע הלל פון דער ראש ישיבה שליט"א.

שפעטער אין טאג זעמיר געגאנגען מיט די קינדער אין די געשעפט וואס פארקויפט די שפילצייגן וואס צובערעכט זיך אין וויניגער ווי א שעה.

בנוגע די סדר היום פון די טעג פון חול המועד, איז גאר אינטערעסאנט וואס איך האב געהערט אמאל פון דער ראש ישיבה בנוגע די מנהג אין צאנז לגבי די הקפות אום שמחת תורה.

עס איז דאך ידוע אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו פלעגט אריינקומען ליל שמחת תורה ביי חצות לילה צו מעריב און פראוון די הייליגע הקפות, און אזוי האט זיך געפירט רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, און אזוי איז אין נאך מקומות.

האט דער ראש ישיבה אמאל מסביר געווען אז די צדיקים האבן געזארגט אז דער סדר היום פון די ימים טובים זאל זיין באופן היותר מועיל אז מען זאל נישט חלילה גיין ליידיג פאר לאנגע שטרעקעס פון צייט וואס דאס קען חלילה ברענגען נישט גוטס, השם ישמרינו.

האט דער ראש ישיבה געזאגט, שטעלט אייך פאר שמחת תורה צופרי, מען שטעלט זיך פרי און מען ענדיגט אום צענע אדער עלעווע, און שטעלט אייך פאר אז א נאכט בעפאר האט מען געענדיגט די הקפות אום ניינע צענע, און די ביינאכט סעודה אום עלעווע צוועלעווע, און יעצט צופרי צענע עלעווע איז מען אויסגערוט און מען האלט שוין נאך די סעודה, יעצט קומט א לאאאנגע טאג, דאס איז א נישט גוטע זאך.

דערפאר האבן די הייליגע צדיקים געזארגט אז ווען עס קומט א יום טוב זאל דער טאג זאל זיין צובראכן אויף שטיקלעך, מען דארף כסדר לויפן נאכאמאל אין שול און נאכאמאל צוריק.

דערפאר האט מען אנגעהויבן די הקפות אום צוועלעווע ביינאכט, קוים געגאנגען שלאפן דרייע פירע צופרי, אויפגעשטאנען, געגאנגען דאווענען, דערנאך די סעודה, דערנאך די יום טוב נאכמיטאג שלאף, דערנאך מנחה און אזוי ווייטער, מען לויפט און מען לויפט און מען לויפט, נאר נישט זיין לאנגווייליג.

און טאקע מהאי טעמא איז אויך געווען א קפידא ביי ערליכע אידן אז דער שבת נאכמיטאג שלאף זאל אריינעמען די גאנצע משפחה, נישט חלילה אז די טאטע מאמע שלאפן און די קינדער זענען אן השגחה און אן א סדר חלילה, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט גאר שארפע לשונות איבער די נושא.

איך ווייס טאקע פון א ברסלב'ער חסיד וואס יעדן שבת צופרי נאך די סעודה זאגט ער נאכאמאל שיין פאר די קינדער, ווער ווייסט וואס טוט א ערליכער איד שבת נאכמיטאג נאך די סעודה? מען גייט שלאפן, אזוי פירן זיך די ערליכע אידן,

מען זאגט דאס אזוי פאר די קינדער, אז דאס זאל פועל'ן ער זאל זיך ווייטער אזוי פירן ווען ער וועט אליין מחנך זיין זיינע קינדער.

די נקודה פון זען אז דער יום-טוב'דיגער סדר היום זאל גיין אין איינקלאנג מיט נישט האבן לאנגע שעות ליידיג אויף איינמאל זעט מען שטארק אן אין היכל הקודש, אין די טעג פון חול המועד האט דער ראש ישיבה געדאווענט גאר נאנט צו חצות, דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צום עמוד ביי הלל, אראפגעלייגט א געשמאקע זיסע ווארעמע הלל מלא טעם, די בא'חן'טע תלמוד תורה קינדער זענען געשטאנען ווי געטרייע סאלדאטן נעבן דער ראש ישיבה און אזוי שיין געזאגט הויך אויפ'ן קול די גאנצע סדר ההלל און מיטגעזינגען מיט זיסקייט און התעוררות, ס'איז געווען א עונג רוחני.

דערנאך האט מען געמאלדן אפיציעל אז מען וועט ווייזן א פלעי פאר די קינדער אום צוויי אזייגער, דאס האט זיך געצויגן ביז זעקסע.

דערנאך זענען די קינדער אהיימגעגאנגען עסן, דערנאך מנחה מעריב, אזוי ארום האט מען אכטונג געגעבן אז עס זאל נישט זיין חלילה קיין הבטלה מביאה לידי שיעמום, אדער נאך ערגער חלילה.

שביעי של פסח צופרי, נאכ'ן דאווענען האט דער גבאי אויסגערופן אז זמן מנחה וועט זיין אום 7:45. תיכף דערויף האט דער ראש ישיבה, וועלנדיג מזרז זיין דעם עולם איבער נישט פארציכטן אויף לימוד המשניות אין די יום טוב טעג, אויסגערופן הויך אז עס וועט פארקומען א ח"י פרקים משניות העולמי, און מעורר געווען דעם עולם אז מען זאל נישט פארגעסן די וויכטיגקייט פון זאגן משניות, דער ראש ישיבה האט באטאנט אז דער מעמד ח"י פרקים משניות העולמי קען מען האבן ביי זיך אין שטוב....... עס מוז נישט זיין ערגעץ וואו באשטימט..... נאר יעדער זאל אין קאפ האלטן אז די עיקר און יסוד פון היכל הקודש איז זאגן משניות און רעדן צום אייבערשטן.

ליל שמיני של פסח, נאכדעם וואס דער ראש ישיבה האט געענדיגט זאגן גוט יום טוב, האב איך געפרעגט צו מען זאגט יזכור תוך י"ב חודש, איך האב פארשטאנען פון דער ראש ישיבה אז ס'איז דא אסאך דעות אז יא און אסאך דעות אז נישט, האב איך געקוקט אין ספר נטעי גבריאל, און אזוי איז טאקע געשטאנען, אסאך מקורות אז יא און אסאך מקורות אז ניין, האב איך געקוקט אין מחזור דברי יואל, דארט שטייט וואס איז געווען די מיינונג פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו.

פרייטאג צו נאכטס פרשת שמיני, ווען איך בין געקומען אין שול גלייך ביים זמן איז די שול געווען ליידיג, קיינער איז נאך נישט געווען אין שול, נאר דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן צו שמועסן מיט מיר, ס'איז געווען א לאנגע שמועס, ביז צום דאווענען, אפשר א שעה, מען האט געשמועסט פארשידנס.

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז ס'איז וויכטיג אז ווען א גאסט קומט דא אין שול זאל מען אים שיין באגריסן, דער ראש ישיבה איז אריין אין די גאנצע נושא פון וויסן ווי אזוי צו רעדן מיט מענטשן, למשל, די זאך פון זאגן משניות, אז מען זאגט דאס פאר א מיטל יעריגן מענטש קוקט ער עס אן ווילד פרעמד, אז מען זאגט עס פאר א יונגער בחור קען זיין ער זאל זיך צוכאפן דערצו.

אויך האט דער ראש ישיבה מסביר געווען ווי אזוי עס ארבעט די זאך פון באגריסן א גאסט און ווי אזוי עס ארבעט די זאך פון מאכן הפצה, געבן קונטרסים און גליונות.

דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט אז די שטובער זאלן ווערן געפירט ריין און זויבער, נישט נאכגעלאזט און אנגעלייגט, און אז אויב א איד שטעלט זיך אפ ביי א הויז פרעגן וואו גייט מען צו לעמאנעיד, זאל ער נישט זען פאר זיך א אנגעלייגטע נאכגעלאזטע הויז ארומגענומען מיט פארשימלטע חפצים.

אזוי שרייבנדיג דעם ארטיקל האבן מיר געהערט אז ס'איז ברוך השם געבוירן געווארן א אינגל ביי אונזער איידעם מו"ה בנציון יאקאבאוויטש נ"י האבן מיר זיך דערמאנט א שיחה פון דער ראש ישיבה אין דעם ענין.

ווען ס'איז געווען עטליכע וואכן צוריק די סעודה פון די רענט קאמפיין, בין איך צוגעגאנגען צום אויבן אן טיש און געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז איך וויל אפנעמען די מזל טוב פאר די מיידל וואס איז געבוירן ביי מיין זון מו"ה ישראל יוסף נ"י דער מגיד שיעור פון ישיבה היכל הקודש אין קרית ברסלב.

האט דער ראש ישיבה געזאגט דו ווינסט דיינע קינדער? שוין נישט דיינע קינדער, ס'איז דא מענטשן וואס ווען זיי האבן שוין נישט קיין בעיביס הייבן זיי אן ווינען די קינדער כאלו די קינדער קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט זייערע בעיביס..... שוין זיי נישט, זיי געבן זיך זייער גוט אן עצה......

# אַ בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו און ווער איז אינעם בילד:



קרעדיט: ארכיוון (אייזיק ראטה)

**בילד פון פאריגע וואך:**

חול המועד פסח שנת תש"פ אין קאראנא צייט, ביים ערשטן שול אין שטעטל, נאך א דף שיעור.





TRACK 'EM. TRAP EM, REMOVE 'EM.
WILD TRACKERS
WILDLIFE REMOVAL SPECIALISTS
RACCOONS · SQUIRRELS · GROUNDHOGS · OPOSSUMS
WE SERVE MONSEY · MONROE · CATSKILLS
845-500-1726

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**תנאים פון החתן רפאל ני"ו בן מו"ה בנימין מזרחי הי"ו עב"ג בת מו"ה יעקב קליין הי"ו ביי הרה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א אין יבנאל - ג' טהרה**





**אנגעקומען נייע גרויסע מאשין אין די בית הדפוס אין בני ברק - ה' טהרה**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**מוצאי שבת תז"מ**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים פארדעכטן די פארקינג לאט אין הדר**

קרעדיט: בערל שניצלער





**ברייטארטיג סעודה צוגעשטעלט לע"נ רבי ישעי' ב"ר משה זי"ע, נתנדב ע"י ר' מעכי ראזענפעלד הי"ו**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



בס"ד

פרשת אח"ק
אויסגאבע # 15

# אינדערהיים

מאנטאג
אויפן וואג
ש. ל. פליישמאן

איך האלט
זייער פון דיר
ש. טראכטער

געב צוריק
מיין געלט
מ. פעדער

## מיין גרויסע זיידע
## מו"ה נפתלי לעבאוויטש ז"ל

ג. פעקעטע

# אינדערהיים





**בס"ד**
אח"ק
תשפ"ו
**נומער 16**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
Inderheim@bletelmagazine.com
Kinderheim@bletelmagazine.com

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## מאנטאג אויפ'ן וואג

ערשעפט, מיט א מוט
אויסגעלאשן,
חייקל פילט זיך אויסגעדראשן,
פון זיין פנים שוויס עס רינט,
וואס האב איך שוין פארדינט?
א פאר אפגעריבענע גראשן.

פאר אביסל כח לעכצט זיך,
חייקל צו זיך ער קרעכצט זיך,
בָארדזשעט זיך אונטער פול מיט
טענות,
בשעת ער שלעפט די וואסער
קאנעס,
איי, אט מיין רוקן כמעט ברעכט
זיך.

אויף צומארגנס חייקל שמייכלט
גוט,
אויף מיין הויקער פונקט די
אמפערס פיט,
דער אייבערשטער אליין האט מיר
אין זינען,

איך זאל מיין ברויט פארדינען,
ס'איז מיר געשמאק יעדע מינוט.

איך גיי ארום צו די שטובער,
פארקויפן וואסער פאר'ן ציבור,
ס'איז א פרנסה גאנץ א גוטע,
ס'קאסט מיר נישט קיין איין
פרוטה,
איך דאנק דיר, שכוח טאטע
ליבער.

דער הייליגער בעל שם טוב, זיינע
תלמידים,
לערנט הייליגע לעכטיגע לימודים,
ראש השנה איז מען דעם מענטש
דן,
א גאנץ יאר וויפיל ער זאל מרויח
זיין,
און אלעס ארום וואס ס'זאל
געשען מיט-אים.

אבער וויאזוי ער זאל עס
אננעמען,
פרייליך אדער ער זאל אים
קלעמען,
משפט מען פון דאסניי אויפ'ן וואג,
יעדעס מאל עקסטער יענעם טאג,
זיין בליק אויף זיינע פראבלעמען.

אויב יעדן טאג איז א יום הדין,
א קורצע תפילה האב אינזין,
עס לערנט אונז דער ראש ישיבה,
צו בעטן פאר ענערדזשי
פאזיטיווע,
אינוועסט א תפילה אין געווין.

באשעפער, געב מיר אסאך כח
הסבל,
איך זאל פרייליך אלעס זיין מקבל,
איך זאל קוקן גוט אויף זיך,
און אויף יעדן ארום מיך,
זיין א פאזיטיווע מאמע/ווייבל.

צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169

ש. טראכטער



# איך האלט זייער פון דיר

איך האב נישט געקענט באבי פארקאש ע"ה, אבער האבנדיג די זכיה צו באשרייבן איר דערהויבענע לעבנס-געשיכטע אינעם פסח אינדערהיים בלעטל, האב איך אנגעהויבן שפירן ווי איך האב איר יא געקענט אדער באקענט.

איין טאג רופט מיר ג. פעקעטע (איינע פון די אייניקלעך) און זאגט מיר אז אזויווי איך האב געשריבן איבער איר טייערע באבע, ווייל זי מיטטיילן מיט מיר א שיינע זאך: א חלק פון א פראיעקט וואס די אייניקלעך האבן געמאכט נאך די פטירה פון זייער טייערע באבע.

אלע אייניקלעך האבן אריינגעלאזט א קורצע מעסעדש, אויסדרוקנדיג וואס זיי האבן זיך ארויסגעלערנט פון דאס לעבן פון די באבע.

איך האב אויסגעהערט א חלק דערפון. אלע האבן ארויסגעברענגט אנדערע שיינע נקודות פון די באבע פארקאש וואס זיי שטרעבן נאכצוטון. איינער האט גערעדט פון איר ליכט צינדן, א צווייטע פון איר סבלנות, און א דריטע האט ארויסגעברענגט איר שמחת החיים. יעדער האט געהאט אן אנדערע זאך צו זאגן, אבער אלע האבן ארויסגעברענגט איין נקודה: "איך האב זייער געשעצט באבי; באבי איז געווען פאר מיר א מוסטער."

איין מעסעדזש האט מיר עקסטער

געכאפט. א אייניקל זאגט א שיינע נקודה און לייגט נאכדעם צו אפאר ווערטער. זי זאגט: "איך האב אריינגעטראכט אז עס איז דא אזויפיל צו רעדן און דערציילן פון באבי ע"ה, און אלעס וואס מען דערציילט אויף איר איז דאך אזוי שיין, הערליך, ריכטיג און וויכטיג. איך וואונדער זיך נאר, וואו זענען מיר געווען א צייט צוריק ווען באבי האט נאך געלעבט? פארוואס האט קיינער נישט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן און געזאגט: 'באבי, דו ביסט א סימבאל פאר מיר. באבי, ווען איך טראכט פון דיין... שטרעב איך צו ווערן בעסער. באבי, דיין... איז מיר מחייב'?"

זי האט געזאגט שטארקע ווערטער און אויסגעפירט: "איך טראכט צו זיך, לאמיר זיך פארנעמען לעילוי נשמת באבי צו זאגן פאר אונזערע נאנטסטע און טייערסטע, פאר אונזערע מענער און קינדער, בשעת זיי לעבן נאך, וויפיל מיר שעצן זיי, און לאמיר זיי זאגן די שיינע זאכן וואס מיר באמערקן."

עס איז א שטארקער דערהער, א נקודה למחשבה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל דערציילט, אז אויף א געוויסער גאס האט געוואוינט א לעבעדיג אינגל, אביסל צו לעבעדיג, א חברה'מאן, 'סחורה ווי גאלד'. די שכנים זענען אבער נישט אזוי אנטציקט געווארן פון זיינע כשרונות, וועלכע האבן אפטמאל אנגעמאכט חורבנות. די פרויען פון די גאס פלעגן אים אסאך אנשרייען און פארשיקן. זיי פלעגן טענה'ן צו די מאמע אז זי דארף בעסער מחנך זיין איר ווילד און צעהיצט קינד.

א צייט שפעטער האט נעבעך פאסירט א טראגעדיע, דאס קינד איז פלוצלינג נפטר געווארן. מיט אראפגעלאזטע קעפ זענען אלע געקומען מנחם אבל זיין. "ער האט געהאט א הארץ פון גאלד," האט איינער איידל באמערקט. "ער האט געהאט אזא שמחת החיים," האט א צווייטער צוגעלייגט. "ער פלעגט אלעמאל האלטן די טיר אפן ווען איך בין אריינגעקומען מיט מיין וועגעלע," האט א דריטער אויסגעפירט.

די צובראכענע מאמע האט ביטער געשמייכלט: "אזא שאד איר האט דאס נישט דערציילט ווען ער האט נאך געלעבט... וואס האב איך יעצט דערפון?"

> "אחרי מות, קדושים אמור" (לויטן סדר פון די פרשיות) - נאכ'ן טויט זאגט מען שוין אז ער איז געווען הייליג. אזוי איז עס, ווילאנג א מענטש לעבט איז נאך דא א נסיון; א נסיון פון שלום בית, א נסיון פון אחדות, און א נסיון פון אהבת ישראל.

די וועלט זאגט א ווערטל: "אחרי מות, קדושים אמור" (לויטן סדר פון די פרשיות) - נאכ'ן טויט זאגט מען שוין אז ער איז געווען הייליג. אזוי איז עס, ווילאנג א מענטש לעבט איז נאך דא א נסיון; א נסיון פון שלום בית, א נסיון פון אחדות, און א נסיון פון אהבת ישראל. אבער ווען ער איז שוין נישטא און דער נסיון עקזיסטירט מער נישט, דעמאלטס הייבט שוין יעדער אן צו רעדן שיין.

דער ראש ישיבה דערמאנט אונז כסדר אז מיר זאלן זיך יא באנוצן און גיסן גוטע ווערטער איבעראל און אלעמאל, אבער זיכער אינדערהיים. זאג פאר דיין קינד ווי טייער ער איז; זאג פאר דיין מאן ווי שטארק דו שעצסט אים; זאג פאר דיינע עלטערן ווי שטארק דו ביסט מכיר טובה פאר דעם חינוך וואס זיי האבן דיר געגעבן; זאג פאר דיין שכנה ווי שטארק דו אפרישיעיטסט איר וויליגקייט צו העלפן ווען עס פעלט אויס. עס איז א שאד צו קארגן אויף די ווערטער, מען טשארדזשט דאך נישט פאר יעדע ווארט. פארקערט, וכל המרבה הרי זה משובח.

שמועסנדיג מיט א חבר'טע איבער די אויבנדערמאנטע נקודה, זאגט זי מיר: "ריכטיג, אבער מען קען נישט פלוצלינג אנרופן א מענטש און זאגן 'באבי, איך וויל דיר זאגן אז...'"

פארוואס נישט? פארוואס קענען מיר נישט אנרופן די עלטערן אדער די זיידע-באבע און זאגן וואס מיר טראכטן ממילא? פארוואס טאקע זאל מען נישט זאגן פאר'ן מאן וואס מען פילט?

עס זעט אויס קינדיש? עס זעט אויס נאריש? פונקט פארקערט, עס איז זייער "מעטשור" (ערוואקסן). דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר: "געבן גוטע ווערטער אין שטוב איז נישט קינדיש." פונקט פארקערט... נישט געבן איז א קינדישע זאך.

צו זאגן גוטע ווערטער מיינט אבער אז מען דארף צוערשט אנהייבן לעבן מיט תורה רפ"ב פונעם הייליגן רבי'ן; מען דארף אנהייבן זוכן נקודות טובות אין די ארומיגע! (און צוערשט אין זיך!!) און אז מען הייבט אן לעבן מיט נקודות טובות, ווערט דאס לעבן זיסער און

געשמאקער. מען הייבט אן לעבן מיט הודאה לה', מיט לויב און דאנק פאר'ן אייבערשטן וואס דער הייליגער רבי זאגט איז שעשועי עולם הבא, גן עדן אליינס.

א גוטע שטימונג איז אנשטעקיג. דו זאגסט איין גוט ווארט פאר דיין חבר'טע, ווערט זי פריילעך; זי זאגט א גוט ווארט פאר די באס-טיטשער פון איר קינד, ווערט זי אויך פריילעך. זאגט די באס-טיטשער א גוט ווארט פאר עטליכע זיסע קליינע מיידלעך, וואס ווערן פריילעך און קענען ווייטער געבן גוטע ווערטער צווישן זיך. איין קינד זאגט א גוט ווארט פארן קאך-מענעדזשער ווי פיין דאס עסן איז, און דער קאך-מענעדזשער באדאנקט זיך פארן מנהל און גיט איר א גוט ווארט; ער רעדט שפעטער צו זיין ווייב און פארגינט איר אויך א גוט ווארט, זי גיט א גוט ווארט פאר איר מאן, וואס מאכט דעריבער פריילעך זיין ווייב, וואס גיט א גוט ווארט פאר איר מאמע, וואס... און אזוי גייט עס ארום און ארום.

איין גוט ווארט טוט אויפלעבן אסאך מער ווי דו מיינסט. נישט אומזיסט זאגט אונז די גמרא: "טוב המלבין שיניים לחבירו יותר ממשקהו חלב" - עס איז בעסער צו ווייזן פארן חבר די ווייסקייט פון די ציין (געבן א שמייכל) ווי אים צו געבן ווייסע מילך (פיינע עסן).

עס איז א שאד צו ווארטן ביז נאך די הונדערט און צוואנציג צו דערציילן אלע שיינע זאכן אויף אונזערע נאנטע און טייערע. מיר קענען שוין היינט אנהייבן זוכן און באמערקן דאס גוטס, די נקודות טובות אין יעדן ארום אונז, וואס דאס מאכט אז מען זאל נאר ווערן בעסער און בעסער.

און וואס זאל איך טון אז עס איז מיר שווער צו געבן גוטע ווערטער, אדער בכלל צו זען דאס גוטס? עס איז דאך דא א יצר הרע וואס לאזט נישט זען די מעלות, ספעציעל ביי די נאנטסטע און טייערסטע מענטשן.

דעריבער זענען מיר דאך ביים הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז אז די עצה צו יעדע פראבלעם, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, איז נאר "תפילה".

לאמיר מאכן א תפילה אז מיר זאלן זוכה זיין צו זען דאס גוטס און די שיינקייט פון יעדן ארום אונז, שוין טאקע יעצט; און מיר זאלן זוכה זיין צו פארשפרייטן אן אנגענעמע אטמאספער דורך רעדן שיין און קוקן שיין אויף יעדן איינעם!

**ביים סוף לייגן מיר דא צו א ניגון וואס באבי פארקאש ע"ה האט געזינגען מיט איר שוועסטער א טאג איידער זי איז נפטר געווארן, כדי זיך צו דערמאנען פון תכלית.**


ניגון
געזינגען מיטוואך פנחס תשנ"ד
(צו אמינו היקרה מרת רייזל בת ר' חנני' יום טוב ליפא ע"ה)
היט אָפּ דאס הייזעלע כח
היט אָפּ דאס הייזעלע געזונט
עס לוינט נישט צו ברעכן די מח
ווייל די יארן עס לויפן געשווינד
X 2 אויפרייסן ווערן דאס לוינט זיך נישט
ווייל אויף יענע וועלט נעמט מען גארנישט מיט
(נכתב ונעתק ביחד עם אחותה הצדקנית
מרת חנה שתליט"א)

מ. פעדער

# געב צוריק מיין געלט




"מאמי איך בין הונגעריג".

רחל לאה באטראכט אירע אויסגעהונגערטע קינדערלעך וואס שטייען ארום איר און בעטן זיך פאר עפעס עסן.

זי פילט ווי איר הארץ ווערט צוריסן.

וואס קען איך טון? די שטוב איז ליידיג, ס'איז מער גארנישט דא, אירע בליקן דרייען זיך ארום זייער אלטע ארעמע הייזקעלע.

די צערינבענע קאוטש, די טיש וואס וואקלט זיך אויף זיינע דריי איבערגעבליבענע פיס, די ליידיגע שאפעס.

אוי, הלוואי וואלט איך געקענט אנפילן די שאפעס מיט עפעס צו געבן פאר מיינע אומשולדיגע שעפעלעך.

רחל לאה זעט אירע קינדער וועלכע שטייען ביים פענסטער און ווארטן שוין צו זען דעם טאטן אהיימקומען.

אומווילנדיג לאזט זיך ארויס א קרעכץ "הייליגער באשעפער העלף, באלד קומט שוין מיין טייערער מאן אהיים און איך האב אים גארנישט וואס צו געבן, נישט דא וואס אריינצונעמען אין מויל".

מיטאמאל הערט זי איר חזקי שרייען מיט פרייד: "טאטי קומט! טאטי קומט!"

אן איידעלע קלאפ הערט זיך אויפן טיר, דער טאטע ר' יצחק קומט אריין מיט א ברייטע שמייכל אויסגעצויגן אויף זיין פנים, "א גוטן טאג".

"א גוטן טאג טאטי" לויפן אלע קינדער צו.

דער טאטע באמערקט גלייך דאס הונגער אויף זייערע זיסע פנים'ער, און פארשטייט אז די וויכטיגסטע זאך יעצט איז צו מאכן פרייליך.

"קוקט קינדערלעך" ווייזט ער אן אויף זייער הויז, "דער אייבערשטער איז

דאך אזוי גוט צו אונז, מיר האבן א דאך איבערן קאפ, מיר האבן א קאוטש, א טיש, בענקלעך, קומט לאמיר טאנצן".

די קליינע הענטעלעך כאפן אן דעם טאטנ'ס גרויסע הענט, די מאמע באטראכט מיט א שמייכל די פריילעכע פנימ'ער פון אירע שמייכל'דיגע קינדער וועלכע טאנצן אזוי פרייליך.

יעצט אז עס איז שוין מער נישט אומעטיג, די לופט איז שוין געווארן פרייליך, קען זי שוין טראכטן מיט א גראדע מח, זי הייבט אן אדורכצוזיין די שאפעס, אפשר דאך וועט זי קענען טרעפן עפעס צו לייגן צום טיש.

"אה, א פעקל מעל" פריידט זי זיך, וואסער איז נאך איבערגעבליבן פון די פאס וואסער וואס מען האט היינט צופרי געשעפט פונעם ברונעם.

מיט א לויב אויף אירע ליפן צום אייבערשטן שארט זי זיך ארויף די ארבל און שטעלט זיך אנגרייטן ברויט, ווען פון די אנדערע זייט צימער הערט זי איר מאן און קינדערלעך ווי זיי דאנקען דעם אייבערשטן לויט די אותיות פונעם אלף

יצחק לאזט אראפ זיינע אויגן און מיט א פארשעמטע שטימע דערציילט ער פארן קעניג ווי פון דעמאלט איז דער יצר הרע אריינגעקומען צו זיי אינדערהיים, און זיי זענען אגאנצן צייט צובראכן און באזארגט.

בית.

"שכח אייבערשטער פאר אונזער הויז" הערט זי ווי איר עלטסטער רופט אויס די אות א'.

"שכח אייבערשטער אז מיר האבן וואסער צו טרונקען" רופט אויס חזקי אין זיין רייע.

רחל לאה פילט ווי א רואיגקייט צושפרייט זיך אין אירע ביינער.

א קורצע צייט שפעטער פארשפרייט זיך שוין די גוטע גערוך איבערן הויז.

די מאמע גרייט די טיש און זיי זעצן זיך אלע עסן די פרישע ווארעמע ברויט.

"שכח אייבערשטער איך האב געקענט צושטעלן עפעס צו עסן".

זיי זיצן ארום דעם טיש און עסן זייער ארימע סעודה פון ברויט מיט וואסער מיט גרויס פרייד ווי כאילו עס וואלט געווען א קעניגליכע סעודה.

נחמן שפילט אויף א פידל, די צוויי קליינע מיידלעך פויקן אויפן טיש און ר' יצחק זינגט א לויב צום אייבערשטן



וואס ער האט זיי געהאלפן מיט עסן אויפן היינטיגן טאג, חזקי קלאטשט און עס הערשט אזא פרייליכע שטימונג.

מיטאמאל הערט זיך א קלאפ אין טיר, ר' יצחק גייט צו, ווי ערשטוינט ווערט ער דערזעענדיג פאר זיך דער קעניג פון לאנד.

ער מאכט ברייט אויף די טיר און לאדנט אריין דעם קעניג מיט זיינע באדינער.

"וויאזוי הייסטו?" פרעגט אים דער קעניג.

"יצחק, מיין האר" ענטפערט ער, פילענדיג ווי דער קעניג באטראכט אים מיט נייגער.

"איך בין ארויס אויף אן אוונט שפאציר" דערציילט אים דער קעניג מיט זיין געלאסענע שטימע "וועון פלוצלונג הער איך ווי מען זינגט און מען טאנצט, האב איך צו מיר געטראכט אז זיכער האט דער מענטש אסאך געלד וואס דערפאר הערשט ביי אים אינדערהיים אזא שמחה, אבער יעצט ווען איך זעה דיין ארעמע הייזקעלע ווער איך נאך מער פארוואונדערט, קענסטו מיר ביטע ערקלערן די גרויסע שמחה?"

אויף יצחק'ס פנים שפרייט זיך אויס א ברייטע שמייכל

"חשוב'ער קעניג" הייבט ער אן צו ערקלערן "קיין געלד פארמאג איך נישט, קוים וואס מיר האבן וואס צו עסן, אבער דער גוטער באשעפער פארלאזט אונז קיינמאל נישט, ער באזארגט אונז מיט אלעס וואס מיר דארפן, דערפאר טאנצן מיר און מיר זינגען און לויבן דעם אייבערשטן פאר אלעס גוט'ס וואס ער געבט אונז.

דער קעניג ווערט זייער נתפעל און ער הייסט זיינע באדינערס אנצופולן יצחק'ס טאשן מיט גאלדענע רענדלעך.

א שטיק צייט גייט אריבער און דער קעניג גייט נאכאמאל שפאצירן. ער דערמאנט זיך פון יצחק און מאכט אפ צוריקצוגיין זען ווי זיי טאנצן און זינגען מיט פרייד.

אנקומענדיג אהין זעט ער ווי ס'איז טונקל, ער הערט נישט ארויס קיין קלאנגען פון געזאנג, ער הערט נאר ארויס קרעכצן און געוויין.

דער קעניג קלאפט אריין און ווערט אויפגענומען מיט גרויס עהרע.

"וואס איז געשען?" פרעגט ער פארוואונדערט "פארוואס הערט מען נישט קיין געזאנג? איך האב דאך אייך געגעבן אסאך געלד, וואלט איר דאך געדארפן זיין נאכמער פרייליך און נאכמער זינגען און טאנצן".

יצחק לאזט אראפ זיינע אויגן און מיט א פארשעמטע שטימע דערציילט ער פארן קעניג ווי פון דעמאלט איז דער יצר הרע אריינגעקומען צו זיי אינדערהיים, און זיי זענען אגאנצן צייט צובראכן און באזארגט אז זיי האבן נישט גענוג געלד און אז זיי זענען נאכנישט גענוג רייך.

**אויסערדעם וואס דו וועסט ווערן פרייליך, דו וועסט ארויסגיין פון די קטנות המוחין, וועסטו אויך זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן און דיר שענקען פיל גוטס.**

"ווילאנג מיר האבן גארנישט געהאט האבן מיר געדאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס מיר האבן יא, אבער איינמאל מיר האבן אזוי פיל געלד, איז אנשטאט צו דאנקען זענען מיר נאר אגאנצן צייט פארנומען מיט וואס עס פעלט, און עס איז אונז נישט גענוג".

הערנדיג דאס האט דער קעניג גלייך געהייסן זיי זאלן אים צוריקגעבן די גאנצע געלט וואס ער האט זיי געגעבן.

"ענדערש איר זאלט נישט האבן דאס געלד, אבי עס זאל ווייטער זיין פרייליך ביי ענק אינדערהיים".

* * *

איך האב געזען אין א בריוו אין עצתו אמונה (חלק ד' מכתב שמ"ז) ווי דער ראש ישיבה שרייבט דארט אין נאמען פון רבי נתן:

**"ווען א מענטש רעדט זיך אפ, זאגט דער אייבערשטער: 'קוקט אן דעם מענטש, איך געב אים אזוי פיל גוט'ס און דאך רעדט ער זיך אפ, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט שלעכט'ס', אבער ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן זאגט דער אייבערשטער: 'קוקט אן דעם מענטש, ער האט גארנישט אין לעבן, און דאך איז ער אזוי פרייליך און דאנקבאר, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט גוט'ס', און מען געבט אים א גוטע לעבן.**

טייערע ליבע חבר'טע, פרוביר עס אויס, פראביר אויס די עצה פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן.

אנטשטאט צו פאקוסן אויף די זאכן וואס פעלן, לאמיר אויפזוכן די גוטע זאכן וואס מיר האבן יא און אויף דעם דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, וועט דיין לעבן ווערן אזוי זיס.

אויסערדעם וואס דו וועסט ווערן פרייליך, דו וועסט ארויסגיין פון די קטנות המוחין, וועסטו אויך זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן און דיר שענקען פיל גוטס, ווייל דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן ברענגט וואונדערליכע ישועות.

אז מיר וועלן פאלגן די עצות וועלן מיר אלע האבן א שיינע לעבן.

# Chicken Lo mein

BY: T. PINTER

## DIRECTIONS:

- 5 CHICKEN CUTLETS
- COAT CHICKEN BITE-SIZE NUGGETS WITH FLOUR.
- SPREAD IN A 9X13 LAYER THINLY WITH 1 SLICED ONION ON TOP.
- ADD SLICED PEPPERS, BABY CORN, CANNED SLICED MUSHROOMS, AND CARROT.
- MIX HALF A CUP BROWN SUGAR, HALF CUP SOY SAUCE, HALF CUP OIL.
- 2 GARLIC CUBES POUR ON TOP.
- BAKE ON 405 FOR 40-45 MIN COVERING THEM.
- THEN BAKE AT 375 FOR 20-25 UNCOVERED.
- SERVE OVER SPAGHETTI.
- ADD VEGETABLES OF YOUR CHOICE.






# אהבת ישראל

די וואך איז די שלושים פון מיין אומפארגעסליכען זיידע, הרב החסיד רבי נפתלי לעבאוויטש זכרונו לברכה, וואס איז ערב בדיקת חמץ נפטר געווארן.

רבי נפתלי איז א באקאנטער נאמען אלס דער 'תורה שרייבער' פון הייליגן רבי'ן זכותו יגן עלינו פון סאטמאר. ער איז געווען דער שרייבער וואס האט אפגעשריבן דעם רבין'ס הייליגע תורות. אנגעפאנגען האט זיך עס ווען ער האט אראפגעשריבן די ווערטער וואס ער האט געהערט פון זיין גרויסן רבי'ן, ביי וועם ער איז אויפגעוואקסן און אויפגעצויגן געווארן ווי א בן בית, ווערנדיג א יתום ביי די דרייצן יאר אלט.

ער האט איינגעזען די חשיבות פונעם רבינ'ס הייליגע ווערטער, און אפגעמאכט אז ער וועט עס אפשרייבן און פארשפרייטן אז נאך אידן וואס האבן נישט זוכה געווען צו הערן די ווערטער בשעת מעשה, זאלן עס כאטש קענען לערנען פון דאס וואס ער שרייבט אפ. אזוי האט ער עס אפגעשריבן און ארומגעשיקט פאר אידן אין אנדערע שטעט און איבער'ן ים. ווען דער רבי האט זיך דערוואוסט דערוועגן, האט ער אים אריינגערופן, פרעגנדיג: "איך הער אז דו שרייבסט אפ מיינע תורות און דו שיקסט עס ארום?" ער האט זיך פארענטפערט און געזאגט אז ער טוט דאס כדי נאך אידן זאלן זיך קענען מחזק זיין מיטן רבינ'ס הייליגע עצות. האט דער רבי געזאגט אז אויב אזוי זאל ער אים עס געבן פארדעם צו איבערבליקן

און מאכן זיכער אז ס'קומט טאקע ארויס ריכטיג. דער רבי האט טאקע מורא'דיג הנאה געהאט וויאזוי ער האט עס אפגעשריבן, און געגעבן זיין הסכמה אז ער זאל ווייטער שרייבן.

מ'האט טאקע געקענט זען, אז פאר דער רבי האט אנגעהויבן זאגן תורה, האט ער אלעמאל געקוקט אויף זיין פלאץ און געמאכט זיכער אז ער זעט דארט ר' נפתלי, איידער ער הייבט אן איבערגעבן זיינע הייליגע ווערטער, וואס איז געבליבן פאר די טויזענטער חסידים וואס זענען זיך מחזק דערמיט ביזן היינטיגן טאג.

רבי נפתלי איז געווען א מוסטער אין די מדה פון אהבת ישראל, ער איז געווען אן אמת'ער אוהב שלום ורודף שלום. נישט נאר אז ער האט ליב געהאט שלום - און דעריבער געזעצן און געווארט אז די שלום זאל אים אנטקעגן קומען - נאר דורכאויס זיין לעבן האט ער אקטיוו זיך אריינגעלייגט אין רודף'ן שלום. עס איז אים געגאנגען אין לעבן אז עס זאל זיין שלום. אומצאליגע מעשיות זענען געהערט געווארן פון זיין אויסצייכענונג אין דעם מידה. איך וועל נאר אנטאפן א טפה מן הים.

רבי נפתלי האט געהאט א געשעפט פון פרינטינג סיינס. ווען עס האָט זיך געעפנט די ערשטע קאָמפעטישען צו זיין געשעפט, וואס קלערט איר איז געווען זיין רעאגירונג? וואָס טוט א איד אין אזא מצב? רבי נפתלי, אזוויי ער איז דאך געווען ווער ער איז געווען, איז שנעל אריבערגעלאפן און אנגעקלאפט אויף זייער טיר. דער נייער בעל הבית איז אביסל דערשראקן געווארן ווען ער האט געזען זײַן קאנקורענט שטיין בײַם שוועל. אָבער שנעל האָט ער פארשטאנען אז ער דארף נישט מורא האבן. רבי נפתלי איז געקומען אים ווייזן די 'טריק און די טרעיד' - די איינצלהייטן פון דעם פאך. ער האט אים געזאגט: "איך בין שוין דורכגעגאנגען דאס אלעס, און איך וויל דיר לערנען כדי דיר צו העלפן מצליח זײַן אין געשעפט".

אַזאַ סארט מענטש איז ער געווען. ווי ער האט נאר געקענט האט ער מוותר געווען, אויף אזא שטארקע פארנעם, אז ער האט בכלל נישט ארויסגעוויזן אז עפעס זאל אים צומאל ווי טון, שטערן, אדער באדערן; נאר פונקט פארקערט, ער האט ארויסגעוויזן די גרעסטע מאס ליבשאפט פאר אלע אידן, קיין חילוק זייער סטאטוס, יארגאנג. אויב איז עס א איד, איז ער ארויסגעלאפן פון זיין וועג צו טון וואס ער קען אריינצוברענגען שלום צווישן אידן.

אין די אנהייב יארן פון ישיבת תפארת התורה, איז דער ראש ישיבה אדורכגעגאנגען שווערע רדיפות פון די גאס, עס איז געווען זייער אן אומבא'טעמ'טע מצב, און אסאך זענען ארויסגעגאנגען אין געמאכט פראטעסטן קעגן די



ישיבה וואס ברענגט אריין פשוט'ע ריינע אמונה אין די וועלט; דאס איז דאך א גרויסע פארברעך, א גרויסע עוולה.

מען האט געווארפן פאשקעווילן אין די גאסן, געלאפן צו בית, און געזוכט אונטערצושרייבן קעגן דער ראש ישיבה.

ווען מיין זיידע ר' נפתלי האט זיך דערוואוסט וועגן די רדיפות, שפיכות דמים און מחלוקת, האט ער זיך נישט געפוילט פון צו טון זיין אייגנארטיגקייט - נאכלויפן שלום.

באמת איז עס א גרויסע וואונדער - ווייל ווער סטעמפלט אפ אז איינער זאל מער אדער א צווייטער זאל וויניגער זיין א מצוין אין די מצוה אהבת ישראל? עס איז דאך א מצוה וואס איז פריי פאר אלעמען צו נעמען און נאכלויפן. רבי נפתלי אבער, האט זיך טאקע אריינגעלייגט דערין, און אפילו זייענדיגע אן עלטערער איד האט ער אויף גארנישט געקוקט, נאר ער האט געהערט אז עס איז דא א איד וואס איז מחזק בחורים, און פארדעם קריגט מען אויף אים, איז ער געגאנגען צופיס צום ישיבה וואס איז דעמאלטס געווען אינעם אנדערן עק וויליאמסבורג אויף וואלטען סטריט, אבער מיט א שטארקייט איז ר' נפתלי געקומען מחזק זיין דער ראש ישיבה.

עס האט אים ליידער נישט געפעלט קיין ווייטאג און פיין און זיין לעבן, אבער שטענדיג פלעגט מען הערן פון זיין מויל דעם באקאנטן ניגון וואס אלע קינדער און אייניקלעך פלעגן פרובירן נאכמאכן מיט די זעלבע תמימות: "ברוך השם" פלעגט ער אויסגעזינגען אין ליידן און אין פריידן.

ליידער אין די שפעטערע יארן האט ער אסאך געליטן. די מער די

פיין – די שטערקער איז געווען דעם קול, נישט פון געוויין, ניין, נאר דעם פרייליכן "ברוך השם" וואס ער האט ארויסגעקרעכצט מיט א שמחה פון זיין ליפן.

ווי מער מען האט געהערט דעם "ברוך השם", האבן שוין די באקאנטע געוואוסט אז די יסורים איז גאר גרויס. אבער זיך אפרעדן אויפן אייבערשטן? חס ושלום. שטענדיג האט ער געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אויף וואס ער האט יא. אזוי ווייט, אז ווען די נייעס פון זיין פטירה איז אריינגעקומען, האט זיך א קליין אייניקל צושריגן אויפ'ן קול "ברוך השם"!

יעצט אין די ספירה טעג איז דאך די פאסיגסטע צייט ארויסצולערנען א קליין ביסעלע פון זיין לעבן. די שענסטע מדה איז שלום, און דאס פארקערטע האט ליידער צוגעפירט צום פארלוסט פון ר' עקיבא'ס 24,000 הייליגע תלמידים. לאמיר פרובירן זיך שטארקן אין די מדה, ארויסגיין פון אונזער וועג צו פרייליך מאכן א צווייטן, און אריינברענגען א ליבשאפט און שלום צווישן ברידער און שוועסטער.

פארשטייט זיך, די שווערסטע פלאץ דאס צו פראקטיצירן וועט זיין אין שטוב, און דעריבער איז דארט טאקע די פאסיגסטע פלאץ צו פרובירן אנהייבן דן זיין לכף זכות, קוקן גוט אויף יעדעם ארום, און זוכן ווי מער צו מאכן א פרייליכע, ליבליכע, פריינטליכע לופט!

**לע"נ ר' נפתלי בן ר' ברוך יהודה ז"ל**

ער האט ארויסגעגעבן א הערליכע רירענדע ביאגראפיע ביכל מיט'ן נאמען 'נפלאותיך אשיחה' פאר מער איבער זיין לעבן און קשר מיט'ן רבי'ן.



# קלאסיפיידס

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917-501-5100**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר יום טוב שבועות.

**רופט שלמה יאקאבאוויטש**

**845-637-5367**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ זומער.

**רופט הערשל בוים**

**347-786-1767**


loop PLUMBING
Masters of drip
917. 202. 1206


# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו

וזוגתו חנה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה **משה ארי' שניצלער** הי"ו

וזוגתו סימא תחי'

### צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## job opportunity

The fun spot – Entertainment Center is looking to hire a new worker, if interest please call us on

**347-201-5FUN (5386)**


## אן עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161
ads@bletelmagazine.com

# קינדער היים



יארצייט:

## ער וועט זיין געזונט

### מיין חבר'טע אין פריידן און ליידן
היימיש

### רבי שמעון זאגט אונז אונזער גרויסקייט
ברסלב'ע חידות

# הײמיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## מיין חבר'טע אין פריידן און ליידן

חַוִי אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁמַאק מֵיידְל. זִי הָאט גֶעהַאט גוּטֶע מִידוֹת, פַארְשְׁטַאנֶען צוּ אַ גוּטְן שְׁמוּעֶס, אוּן אֲפִילוּ גֶעהַאט אַ שֵׁיין קוֹל צוּם זִינְגֶען. חַוִי הָאט אָבֶּער נִישְׁט נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶוען צְוִוישְׁן דִי אָנְפִירֶערְס פוּן קְלַאס, אוּן זִיךְ אָפְּט גֶעטְרָאפְן אַיינְזַאם אוּן אַלֵיינְס. וִויפִיל זִי הָאט פְּרוּבִּירְט דִי וֶועג אוּן יֶענֶע וֶועג, אִיז עֶס אִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען.

אֵיין טָאג הָאט חַוִי בַּאשְׁלָאסְן אַז אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אִיר אַיינְזַאמְקֵייט, וֶועט זִי זִיךְ אַרוּמְקוּקְן אִיבֶּערְן קְלַאס אוּן זֶען וֶועמֶען זִי קֶען מְחַיֶּה זַיין אוּן אַנְשְׁטָאט קוּקְן וֶוער עֶס קֶען זַיין אִיר חַבֶרְ'טֶע, וֶועט זִי קוּקְן, "וֶועמֶען'ס חַבֶרְ'טֶע קֶען אִיךְ זַיין? דָאס גֶעפִיל פוּן גֶעבְּן וֶועט אִיר גֶעוִויס מַאכְן שְׁפִּירְן מֶער אַנְגֶענֶעם וִוי דָאס גֶעפִיל פוּן זַיין אַלֵיינְס.

זִי הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט זוּכְן צוּ לַאנְג. אִין אַ וִוינְקְל אִיז גֶעזֶעסְן בְּרֵיינְדִי. בְּרֵיינְדִי הָאט זִיךְ שְׁטִיל אַרוּמְגֶעקוּקְט אִיבֶּערְן קְלַאס אוּן גֶעגֶעסְן אִיר רִיסֶעס.

חַוִי הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיבּ בְּרֵיינְדִי הָאט בִּכְלַל אַ קוֹל. זִי הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ דֶערְמַאנֶען וֶוען זִי הָאט לֶעצְט גֶעהֶערְט בְּרֵיינְדִי רֶעדְן, אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג. אֲפִילוּ וֶוען דִי לֶערֶערִין בֶּעט בְּרֵיינְדִי פָארְצוּזָאגְן אַ פָּסוּק תְּהִלִים, זָאגְט זִי עֶס אַזוֹי שְׁטִיל, אַז מֶען דַארְף לֵיינֶען אִירֶע לִיפְּן צוּ זֶען אוֹיבּ זִי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט.

חַוִי הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּצוּגֵיין צוּ בְּרֵיינְדִי. זִי אִיז אַרִיבֶּער צוּ בְּרֵיינְדִי'ס זִיץ אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִיר: "הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן דִי פַּרְשָׁה עֶנְטְפֶערְס?"

בְּרֵיינְדִי הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אִיבֶּערְרַאשְׁט אוּן אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן אַז אֵיינֶער רֶעדְט צוּ אִיר. זִי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. חַוִי הָאט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט אִיר שְׁאֵלָה, אוּן דָאסְמָאל הָאט בְּרֵיינְדִי גֶעשָׁאקְלְט מִיט אִיר קָאפּ אוֹיף יָא.

"וָואלְט אִיךְ עֶס גֶעקֶענְט אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן פוּן דִיר?" הָאט חַוִי גֶעפְרֶעגְט, "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט."

בְּרֵיינְדִי הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר פַארְלוֹירְן, אָבֶּער נָאךְ אַ מִינוּט הָאט זִי זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז חַוִי וָוארְט אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער.

"יָא," הָאט זִי וִוידֶער גֶעשָׁאקְלְט מִיט אִיר קָאפּ אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִיר הֶעפְט פַאר חַוִי.

חַוִי הָאט זִיךְ אַיינְגֶעקוּקְט דֶערִין אוּן בַּאמֶערְקְט אַז בְּרֵיינְדִי הָאט אַ זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁרִיפְט. זִי הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶס צוּ זָאגְן פַאר בְּרֵיינְדִי.

"בְּרֵיינְדִי, דוּ הָאסְט אַ הֶערְלִיכֶע שְׁרִיפְט."



בְּרֵיינְדִי אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן; זִי הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וְויאַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן. חַוִי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט נֶעבְּן אִיר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דָאס וָואס עֶס הָאט אִיר גֶעפֶעלְט. אֵיין זַאךְ אִיז אִיר נִישְׁט קְלָאר גֶעוֶוען, דֶערִיבֶּער הָאט זִי אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט בְּרֵיינְדִי וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט.

יֶעצְט הָאט שׁוֹין בְּרֵיינְדִי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה אוּן זִי הָאט גֶעמוּזְט עֶנְטְפֶערְן. "עֶס שְׁטֵייט דָא: 'וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין וֶועג זָאל עֶר..."

חַוִי הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן אַז בְּרֵיינְדִי הָאט אַ קוֹל. נָאךְ אַ פָּאר מִינוּט הָאט זִי גֶעעֶנְדִיגְט אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר בְּרֵיינְדִי. דִי בֶּעל הָאט גֶעקְלוּנְגֶען אוּן חַוִי אִיז צוּרִיק צוּ אִיר פְּלַאץ.

בַּיי מִיטָאג אִיז חַוִי נָאכְאַמָאל צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ בְּרֵיינְדִי. "יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר דַיין הֶעפְט, עֶס הָאט מִיר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען. עֶס אִיז אַזוֹי קְלָאר אוּן מְסוּדָר."

בְּרֵיינְדִי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט. "נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם," הָאט זִי גֶעזָאגְט.

דֶערְנָאךְ אִיז חַוִי גֶעבְּלִיבְּן נֶעבְּן בְּרֵיינְדִי אוּן אִיר דֶערְצֵיילְט שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת. בְּרֵיינְדִי הָאט כִּמְעַט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעהַאקְט, נָאר אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט.

חַוִי הָאט הַנָאָה גֶעהַאט. זִי הָאט הַנָאָה גֶעהַאט סֵיי פוּן קֶענֶען גֶעבְּן פַאר יֶענֶעם, אוּן סֵיי פוּן דֶעם פַאקְט אַז יֶעצְט הָאט זִי זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַיינְזַאם.

חַוִי הָאט הַנָאָה גֶעהַאט אַז זִי הָאט מִיט וֶועמֶען צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן שְׁמוּעֶסְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען דִי נֶעקְסְטֶע פָּאר וָואכְן. בְּרֵיינְדִי הָאט טַאקֶע וֵוינִיג גֶערֶעדְט, אָבֶּער זִי הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט חַוִי'ן זִיךְ פִּילְן גוּט. אַ שְׁטִילֶע אוּן שֵׁיינֶע פְרַיינְטְשַׁאפְט הָאט זִיךְ אַנְטְוִויקְלְט צְוִוישְׁן זֵיי.

...

אֵיין טָאג אִיז בְּרֵיינְדִי נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין סְקוּל. חַוִי הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶפֶּעס אוֹיסְטֶערְלִישׁ. נָאךְ רִיסֶעס אִיז דִי לֶערֶערִין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קְלַאס אוּן אִיר פָּנִים הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר עֶרְנְסְט.

"מֵיידְלֶעךְ," הָאט זִי גֶעזָאגְט מִיט אַ דֶערְשְׁרָאקֶענֶע שְׁטִימֶע, "בְּרֵיינְדִי אִיז ל"ע גֶעוֶוען פַארְמִישְׁט אִין אַ שְׁוֶוערֶע עֶקְסִידֶענְט הַיינְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ סְקוּל. זִי דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם."

דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דֶערְשְׁרָאקֶענֶע אוֹיגְן אוּן גֶעקוּקְט מִיט שְׁרֶעק אוֹיף זֵייעֶר לֶערֶערִין. דִי לֶערֶערִין הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי תְּהִלִים'ס אוּן אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן בְּרֵיינְדִי'ס נָאמֶען אוֹיפְ'ן טָאוְול.

דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען זָאגְן תְּהִלִים, אֵיין קַאפִּיטְל נָאךְ דֶעם אַנְדֶערְן. פִּיל מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן שְׁלֶעכְט פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען בְּרֵיינְדִי אַלְס אַ חֵלֶק פוּן אַלֶעמֶען. אִיבֶּער דִי נֶעקְסְטֶע פָּאר טֶעג אִיז בְּרֵיינְדִי גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן אִירֶע קְלַאס-חַבֶרְ'טֶעס הָאבְּן כְּסֵדֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר.

יֶעדֶער הָאט גֶערֶעדְט פוּן אִיר אוּן גֶעטְרַאכְט פוּן אִיר. עֶטְלִיכֶע מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיין פֶּעקְל מִיט מַתָּנוֹת אוּן עֶס אַרִיבֶּערְגֶעשִׁיקְט מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער אִין נָאמֶען פוּן דִי קְלַאס.

אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן אִיר גֶערוּפְן, אוּן אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו. פְּלוּצְלִינְג אִיז יֶעדֶער גֶעוָוארְן נָאנְט צוּ בְּרֵיינְדִי אוּן גֶעזוּכְט וְויאַזוֹי אִיר מֶען קֶען אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

...

# הײמיש

אֵיין טָאג אִיז דִי לֶערֶערִין אַרײַנְגֶעקוּמֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה אַז בְּרֵיינְדִי אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן שְׁפִּיטָאל. זִי אִיז אָבֶּער אִינְדֶערְהֵיים אוּן וֶועט מוּזְן בְּלַייבְּן דָארְט פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן, צוּלִיבּ דִי פִילֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע בֵּיינֶער פוּנֶעם עֶקְסִידֶענְט. דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי מֵיידְלֶעךְ וֶוער עֶס וִויל נֶעמֶען דִי הֵיימְאַרְבֶּעט פַאר בְּרֵיינְדִי.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יֶעדֶע מֵיידְל הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הַאנְט. דִי לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועמֶען אוֹיסְצוּקְלוֹיבְּן, דֶערִיבֶּער הָאט זִי בַּאשְׁלָאסְן צוּ מַאכְן אַ גוֹרָל.

יֶעדֶע מֵיידְל הָאט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אִיר נָאמֶען אוֹיף אַ צֶעטְל אוּן עֶס אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט. דִי לֶערֶערִין הָאט אַלֶעס אַרײַנְגֶעלֵייגְט אִין אַ זֶעקְל אוּן עֶס אוֹיסְגֶעמִישְׁט. דֶערְנָאךְ הָאט זִי אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אֵיין צֶעטְל.

"חַוִי פְרִיעֶד!" הָאט זִי אוֹיסְגֶערוּפְן.

חַוִי הָאט זִיךְ בֶּאֱמֶת גֶעפְרֵיידְט. זִי הָאט טַאקֶע לְכַּתְּחִילָה אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט בְּרֵיינְדִי צוּלִיבּ אִיר אֵיינְזַאמְקֵייט, אָבֶּער מִיט דִי צַייט הָאט זִי אִיר בֶּאֱמֶת אָנְגֶעהוֹיבְּן לִיבּ צוּ הָאבְּן.

...

נָאכְמִיטָאג נָאךְ סְקוּל אִיז חַוִי אַרִיבֶּער צוּ בְּרֵיינְדִי, כְּדֵי אִיר אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט. בְּרֵיינְדִי הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר רַחְמָנוּת'דִיג מִיט אִירֶע וואוּנְדְן, אָבֶּער אִיר פָּנִים אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ. זִי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוֹיף אִיר פָּנִים אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן אִירֶע יְסוּרִים. זִי אִיז גֶעוֶוען מֶער רֶעדֶעוְודִיג וִוי שְׁטֶענְדִיג אוּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַלֶע נֵייעֶס פוּן סְקוּל.

חַוִי הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי הָאט נִישְׁט קַיין יְסוּרִים. "אִיךְ הָאבּ יָא, אָבֶּער אִיךְ זָאג 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין עֶרְגֶער.' הָאט זִי בַּאשֵׁיידְן גֶעזָאגְט.

חַוִי הָאט אִיר זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט.

"וִויאַזוֹי פַארְבְּרֶענְגְסְטוּ דַיינֶע טֶעג?"

"אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ זָאג תְּהִלִים, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַבִּיסְל צוּ לֵיינֶען אוּן אִיךְ וַוארְט אוֹיף דִיר!"

"אִיךְ קוּק דִיר אַרוֹיף." הָאט חַוִי גֶעזָאגְט מִיט אַן אֱמֶת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַ נִסָּיוֹן קוּמְט אַרוֹיס דִי אֱמֶתְ'עֶ קָאלִירְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ. דֶעמָאלְט זֶעט מֶען דִי אֱמֶתְ'עֶ עֶרְלִיכְקֵייט אוּן אֱמוּנָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט, "בְּשַׁעַת אַ שְׁוֶוערִיקֵייט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אָנְזַאפְּן מִיט אֱמוּנָה. מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִין דִי רוּאִיגֶע זְמַנִים אוּן דַאן וֶוען עֶס קוּמְט אַ נִסָּיוֹן, קוּמְט דִי אֱמוּנָה נַאטִירְלֶעךְ אַרוֹיס."

בְּרֵיינְדִי הָאט וַוייטֶער גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט.

חַוִי הָאט פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִיר עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן דֶערְנָאךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט. "אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן, דוּ בִּיסְט דָאךְ נָאר נֶעכְטְן אַהֵיימְגֶעקוּמֶען. אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען יֶעדְן טָאג נָאךְ סְקוּל אוּן דִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַרְבֶּעט."

בְּרֵיינְדִי הָאט זִיךְ שְׁטַארְק בַּאדַאנְקְט אוּן דִי צְוֵויי חַבֶרְ'טֶעס הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט.

חַוִי אִיז אַרוֹיס אִין גַאס אוּן אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט אִיר בַּאזוּךְ; עֶס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַנְגֶענֶעם. בְּרֵיינְדִי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרַיינְטְלִיךְ, אַזוֹי זַאכְלִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאק. חַוִי הָאט זִיךְ פָּשׁוּט גֶעצוֹיגְן צוּ אִיר.

וִוי מֶער חַוִי הָאט פַארְבְּרֶענְגְט מִיט בְּרֵיינְדִי, אַלְס מֶער אַנְגֶענֶעם אִיז עֶס גֶעוָוארְן. יֶעדְן טָאג הָאט זִיךְ דֶער שְׁמוּעֶס פַארְצוֹיגְן נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, בִּיז חַוִי פְלֶעגְט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגֶען אִיבֶּער אַ שָׁעָה יֶעדֶע נָאכְמִיטָאג בַּיי בְּרֵיינְדִי.

חַוִי'ס מַאמֶע הָאט אִיר שׁוֹין גֶעמוּזְט שְׁטֶעלְן אַ צַייט-אָפְּשְׁטֶעל. "דוּ דַארְפְּסְט זַיין אִינְדֶערְהֵיים 5:15," הָאט דִי מַאמֶע אִיר אָנְגֶעזָאגְט.

חַוִי הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט פוּן בְּרֵיינְדִי. זִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִויאַזוֹי אָנְצוּקוּקְן יֶעדֶע זַאךְ פַּאזִיטִיוו, וִויאַזוֹי אָנְצוּנֶעמֶען יְסוּרִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן וִויאַזוֹי צוּ בַּאטְרַאכְטְן יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַן אֱמֶת'דִיגְן אוּן עֶרְלִיכְן בְּלִיק.

נָאךְ אַפָּאר וָואכְן הָאט חַוִי זִיךְ אַמָאל אָנְגֶערוּפְן: "אִיז עֶס נִישְׁט אַבִּיסְל טְרוֹיעֶרִיג אַז אוּנְזֶער נָאנְטֶע פְרַיינְטְשַׁאפְט אִיז גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא אוֹפָן?"

בְּרֵיינְדִי אִיז גֶעוָוארְן פַארְטְרַאכְט. "קוּק אַהֶער, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער יָא, צוּמָאל טוּט עֶס מִיר וֵוי. אִיךְ קְלֶער צוּ מִיר: פַארְוָואס הָאבְּן מַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס מִיר נָאר אַנְטְדֶעקְט יֶעצְט וֶוען עֶס גֵייט מִיר שְׁוֶוער? פַארְוָואס הָאט קֵיינֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט מִיר צוּ גֶעפִינֶען בִּיז יֶעצְט? אָבֶּער אִיךְ רֶעד זִיךְ נִישְׁט אָפּ; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ חַבֶרְ'טֶעס. אִיךְ הָאף נָאר אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּרִיק וֶועל אִיךְ נִישְׁט וֶוערְן נָאכְאַמָאל אוּמְזֶעבַּאר," הָאט בְּרֵיינְדִי גֶעזָאגְט מִיט אַ הַאלְבְּן גֶעלֶעכְטֶער.

**צווייטע חלק קומענדיגע וואך אי"ה**

# ב"ה מעשה'לעך 4
# אנגעקומען!




פון די
'מעשה'לעך
פאר קינדערלעך'
סעריע
אריינצוברענגען די
הייליגע ריינע אמונה
און יראת שמים
און די קינדער




קאלערינג ביכל




צו באקומען פאר הפצה
אדער פאר א יחיד
רופט שוין אריין קרן הדפסה
**718.387.2691**

און נאך וואס וועט ארויסקומען בקרוב בעז"ה

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע**





בילד פון פאראנגאנגענע וואך: **דער קדושת ציון מ׳באבוב זי״ע**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה



געווינער פון פארגאנגענע וואך: אדי קרויס – וויליאמסבורג



# יאָרצייט

דער הייליגער
## רבי אייזיקל קאמארנער
זי"ע

יארצייט:
י' אייר

**דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מָאנְטָאג, י' אִיָּר, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אַייזִיקְל קָאמַארְנֶער זצוק"ל.**

עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן כ"ה שְׁבַט אִין יָאר תקס"ו, צוּ זַיין גְרוֹיסְן פָאטֶער הרה"ק רֶבִּי אֲלֶכְּסַנְדֶר סֶענְדֶר אֵייכְנְשְׁטֵיין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער מְיַסֵּד פוּנֶעם קָאמַארְנָא חֲסִידוּת. זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן 'חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ' אוּן הָאט גֶעדִינְט אַלְס רָב אִין דִי שְׁטֶעט זִידִיטְשׁוֹב אוּן קָאמַארְנָא אִין שְׁטָאט אוּקְרֵיינָא.

בַּיי דִי צְוֶועלְף יָאר אִיז דֶער רֶבִּי לֵיידֶער גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם פוּן זַיין פָאטֶער, אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען בַּיי זַיין פֶעטֶער, הרה"ק רֶבִּי צְבִי הִירְשׁ פוּן זִידִיטְשׁוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועלְכֶער הָאט אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מַמָּשׁ וִוי אַן אֵייגְן קִינְד. דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט דִי יָארְן בַּיי זַיין פֶעטֶער מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פְלַייסִיגְקֵייט, לֶערְנֶענְדִיג פוּן אִים תּוֹרָה אוּן חֲסִידוּת, סֵיי נִגְלָה אוּן סֵיי נִסְתָּר, אוּן עֶר הָאט אִים בַּאטְרַאכְט אַלְס זַיין רַבּוֹ מֻבְהָק.

וֶוען עֶר אִיז אוּנטֶערְגֶעוַואקְסְן אוּן גֶעקוּמֶען צוּ דִי יָארְן פוּן וָואס מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, הָאט דֶער רֶבִּי חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם מָרְדְּכַי הוֹרְוִויץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִיז גֶעוֶוען רָב אִין דִי שְׁטָאט פִּינְטְשׁוּב. נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר אַרִיבֶּער וואוֹינֶען אִין זַיין שְׁוֶוער'ס שְׁטָאט, אוּן דָארְט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם פַאמִילְיֶע נָאמֶען 'סַאפְרִין', נָאךְ זַיין זֵיידְן הרה"ק רֶבִּי יִצְחָק אַייזִיק אֵייכְנְשְׁטֵיין פוּן סַאפְרִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַסַאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אָט אִיז אַ לִיסְטֶע:

**שֻׁלְחָן הַטָּהוֹר** - דָאס נֶעמְט אַרוּם הַלָכָה'דִיגֶע פְּסָקִים אוּן הַנְהָגוֹת יְשָׁרוֹת לוֹיטְן סֵדֶר פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. עֶס פַארְמָאגְט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן חֵלֶק פַאר דִי מְקוֹרוֹת וָואס רוּפְט זִיךְ 'זֵר זָהָב', וואוּ עֶר בְּרֶענְגְט אַרוֹיס פּוּנְקְטְלִיךְ צִי דִי פְּסָקִים קוּמְט פוּן דִי סְפָרִים פוּן דִי פּוֹסְקִים, פוּנֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, פוּן דִי מְקֻבָּלִים אָדֶער פוּן חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים.

דֶער כְּתַב יַד (וָואס פַארְמָאגְט נָאר אַ טֵייל פוּנֶעם אָרְגִינֶעלְן חִבּוּר) אִיז גֶעהִיטְן גֶעוָוארְן פַאר בְּעֶרֶךְ הוּנְדֶערְט יָאר דוּרְךְ זַיין אוּר-אֵיינִיקְל, רֶבִּי בָּרוּךְ סַאפְרִין. עֶס אִיז צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין יָאר תשכ"ג.

**הֵיכַל הַבְּרָכָה** - אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע דָּגֵשׁ אוֹיף דִי מְסוֹרָה.

**אוֹצָר הַחַיִּים** - אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, גֶעבּוֹיט אוֹיפְן דֶרֶךְ הַפַּרְדֵּ"ס (פְּשַׁט, רֶמֶז, דְּרוּשׁ, סוֹד).

**נָתִיב מִצְוֹתֶיךָ** - אַן הַקְדָמָה צוּם סֵפֶר 'אוֹצָר הַחַיִּים'.

**כֶּתֶם אוֹפִיר** - אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף מְגִלַּת אֶסְתֵּר. עֶס אִיז צוּגֶעלֵייגְט גֶעוָוארְן צוּם חוּמָשׁ 'הֵיכַל הַבְּרָכָה' (אוֹיף סֵפֶר שְׁמוֹת).

**זוֹהַר חַי** - אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי קַבָּלָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל אוּן פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ. עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ זַיין זוּן, רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר.

**נוֹצַר חֶסֶד** - אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת.

עֲצֵי עֵדֶן, מַעֲשֵׂה אֹרֵג, אוּן פְּנֵי זָקֵן - פֵּרוּשִׁים אוֹיף מִשְׁנַיוֹת.

**עֲשִׂירִית הָאֵיפָה** - אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף 'תּוֹרַת כֹּהֲנִים' (סֵפֶר וַיִּקְרָא).

**פְּנֵי זָקֵן** - אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף מַסֶּכֶת שְׁקָלִים.

**נִדְבַת פִּי** - אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף מַסֶּכֶת קִנִּים, מִיט צוּגֶעלֵייגְטֶע הֶעָרוֹת אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים 'פְּנֵי זָקֵן' אוּן 'עֲשִׂירִית הָאֵיפָה'.

**אָדָם יָשָׁר** - אַ קוּנְטְרֵס מִיט תְּפִלּוֹת אוּן סְגוּלוֹת זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן אַ מַגֵּיפָה רח"ל.

**דֶרֶךְ אֱמוּנָה** - אַ בֵּאוּר אוּן הֶסְבֵּר אוֹיף דִי י"ג עִקְּרֵי אֱמוּנָה פוּנֶעם רַמְבַּ"ם.

**מְגִלַּת סְתָרִים** - אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חִבּוּר וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן בְּסוֹד פוּן דוֹר צוּ דוֹר, אוּן אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט בְּלוֹיז פַאר גֶעצֵיילְטֶע עֶלְטֶערֶע חֲסִידִים. עֶס אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן לוֹיט צְוֵויי כִּתְבֵי יָדוֹת (יְרוּשָׁלַיִם אוּן קָאמַארְנָא).

דֶער סֵפֶר אִיז צֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי חֲלָקִים: דֶער עֶרְשְׁטֶער חֵלֶק 'סֵפֶר הַחֶזְיוֹנוֹת' - אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע טָאג-בּוּךְ וואוּ עֶר שְׁרַייבְּט אוֹיף מַרְאוֹת אוּן חֲלוֹמוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט דָארְט בְּרֵייט

אויס די שׁוֹרְשֵׁי הַנְּשָׁמוֹת פוּן אִים און זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. דֶער צְוֵוייטֶער חֵלֶק הֵייסְט 'מַעֲשֵׂי הַשֵּׁם', וואוּ עֶס וֶוערְן גֶעבְּרֶענְגְט מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין שְׁוֶוער, דֶער פִּינְטְשׁוּבֶ'ער רָב.

אוּם י' אייר תרל"ד, אִין עֶלְטֶער פוּן 55 יָאר, אִיז דֶער רֶבִּי נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן לְגִנְזֵי מְרוֹמִים, און עֶר לִיגְט בַּאעֶרְדִיגְט אִין שְׁטָאט קָאמַארְנָא.

***

רֶבִּי אַייזִיקְל אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁטָאט און אִיז אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעלַאדְנְט צוּ זִיךְ אַהֵיים. דֶער צַדִיק אִיז אַרוֹיס אִין גַאס, אָבֶּער נָאךְ אַלְץ הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב.

רֶבִּי אַייזִיקְ'ל הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס אוּמְגֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט פָאר אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט בַּיי דִי שְׁטָאטְס-לַייט: "וָואס גֵייט פָאר אִין שְׁטָאט אַז קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דִי גֶעסְט?"

הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז דָא אַ קִינְד וָואס דַארְף הַיינְט הָאבְּן אַ בְּרִית, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז דֶער טַאטֶע אַזוֹי שְׁטַארְק קְרַאנְק, אַז מֶען וַוארְט שׁוֹין חָלִילָה עֶר זָאל אוֹיסְגֵיין, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען פַארְן קִינְד נָאכְן טַאטְן.

וִוי נָאר דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין פְּרַאוֶוען דִי בְּרִית, וַוייל אִין אַ פְּלַאץ וואוּ אֵלִיָהוּ הַנָבִיא קוּמְט, קֶען דֶער בַּעַל דָּבָר נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה, און אַז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיז דָא, וֶועט שׁוֹין דֶער טַאטֶע הָאבְּן אַ רְפוּאָה.

רֶבִּי אַייזִיקְל הָאט זִיךְ שְׁנֶעל אַיינְגֶעהִילְט אִין זַיין טַלִית און אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין שְׁטוּב וואוּ דָאס קִינְד אִיז גֶעלֶעגְן אִין וִויגְל נֶעבְּן זַיין כִּמְעַט טוֹיטְן טַאטְן.

דֶער צַדִיק אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען דֶער סַנְדָּק און דֶער מוֹהֵל, און גְלַייךְ נָאךְ דִי בְּרִית הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען גֶעלְט פוּן טַאשׁ און עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָנְוֶועזְנְדֶע. "גֵייט שְׁנֶעל און קוֹיפְט אַיין עֶסְן, לָאמִיר פְּרַאוֶוען אַ סְעוּדַת בְּרִית," הָאט דֶער צַדִיק אוֹיסְגֶערוּפְן.

דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם הָאבְּן זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ פָאלְגְן דֶעם צַדִיק, אַז זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיפְן קְרַאנְקְן טַאטֶע וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אִין אַ זַייט און אִיז כִּמְעַט



# יארצייט פון די וואך

אויסְגֶעגַאנְגֶען.

מֶען הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ אַ בְּרִית סְעוּדָה, אוּן וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן פַאְרן בֶּענְטְשְׁן, הָאט רֶבִּי אַייזִיקְל גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן זִינְגֶען "יוֹם לַיַּבָּשָׁה" אוּן זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אִין אַ טַאנְץ. אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן.

פְּלוּצְלִינְג הָאט דֶער טַאטֶע אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן גֶעבֶּעטְן אֵיינֶעם פוּן דִי מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל אִים אָנְהַאלְטְן, וַוייל עֶר וִויל אוֹיךְ קוּמֶען טַאנְצְן! פוּן מִינוּט צוּ מִינוּט אִיז עֶר גֶעוָוארְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

בִּזְכוּת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס בְּלָאזְן אַרַיין אִין אוּנְז אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה, הָאט דֶער טַאטֶע גֶעהַאט אַ יְשׁוּעָה.

...

אֵיינְמָאל אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי אַייזִיקְל מִיט אַ שְׁאֵלָה אִין הִלְכוֹת גִּיטִין בַּיי אַ גָאר קְרַאנְקְן מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שׁוֹין מַמָּשׁ גֶעהַאלְטְן בַּיים שְׁטַארְבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל קָאמַארְנֶער הָאט זֵיי עֶרְשְׁט גֶעזָאגְט דֶעם בֵּירוּר הֲלָכָה, אוּן דֶערְנָאךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה: מֶען אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן "פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ" מִיט אַן עֶנְלִיכֶע שְׁאֵלָה אִיבֶּער אַ גֶט בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט שׁוֹין אָט אָט בַּיים שְׁטַארְבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג אִין דִי הֲלָכָה אוּן דֶערְנָאךְ צוּגֶעלֵייגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ הַיינְט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען תּוֹרָה, גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם זְכוּת פוּן דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה פַארְן קְרַאנְקְן."

"דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ," הָאט דֶער צַדִיק אוֹיסְגֶעפִירְט, "אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ הַיינְט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אַ נֵייעֶם יִחוּד (אַ סוֹד אִין קַבָּלָה), גֶעבּ אִיךְ אַוֶועק דֶעם זְכוּת פַארְן חוֹלֶה."

גְלַייךְ וִוי דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זי"ע הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶעזָאגְט, הָאט דֶער חוֹלֶה אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּירְן בֶּעסֶער בִּיז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פוּלְקָאמֶע רְפוּאָה.

מִיר וֵוייסְן אַז אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת קוּמֶען נָאר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה. אוּנְזֶערֶע צַדִיקִים מִיט זֵייעֶר כֹּחַ הַתּוֹרָה זֶענֶען גָאר גְרוֹיס אוּן קֶענֶען פּוֹעֵל'ן פַאר אוּנְז יְשׁוּעוֹת. לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִיקִים אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק פוּן קָאמַארְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נוֹצֵר חֶסֶד אָבוֹת, פֶּרֶק ד): "לוּ עַמִּי שׁוֹמֵעַ לִי", הַלְוַאי זָאל מֶען מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, "**בַּדּוֹר הָרָע הַזֶּה**", אִין דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, "**שֶׁהַמִּינוּת גּוֹבֵר**", וָואס עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶס - "**הָיָה לְמֵדִים עִם תִּינוֹק בֶּן תִּשְׁעָה שָׁנִים סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר לַהֲגוֹת בְּהַשֵּׁם**", וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער פוּן דִי נַיין יָאר זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, "**וְהָיָה אָז יִרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ**", וָואלְט דָאס זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע; קוּק נָאךְ אִינֶעם סֵפֶר.

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**



# געמאלן

## א מעשה פון תפלה










געמאלן: גיטי רבקה תחי'










געמאלן: חוי' וועבערמאן תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער












געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "די ערשטע איז מקוה!"

## ברסלב'ע חידות

**רבי שמעון בר יוחאי זאגט** (זוהר הקדוש, פרשת נשא קכח.)**: אונזער גרויסקייט איז, ווייל מיר לעבן מיט**

א. שמחה
ב. שבת
ג. ליבשאפט
ד. חיזוק

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

די תלמידי רבי עקיבא זענען נסתלק געווארן אין די ספירה טעג נאר צוליב דעם וואס זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען זה לזה

## געב א שמייכל

**פארוואס האט א דזשיראף אזא לאנגע האלז?**

געברענגט צו אייך דורך דער קיפה וואס האט אויסגעטיילט פופציג אלפים פארלאפענעם פסח



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**יח. קְטַנֵּי אֲמָנָה קָשֶׁה לָהֶם לְהַשִּׂיג חִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא.**

דִּי וָואס הָאבְּן אַ שְׁוַואכֶע אֱמוּנָה, אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ מַשִּׂיג זַיין חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה.